פ' בלק תשפ"ה לפ"ק

גליון ח'

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

### מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל

**די** פסוק קומט אונז מרמז צו זיין די סדר התפילה. ווען מען וויל זיך שטעלן דאווענען, דארף מען צוגיין מיט גרויס יראה און ענוה, זיך מתבונן זיין ווי נישטיג מיר זענען, און אז מען איז גארנישט ווערד. אזויווי מען זאגט 'מי אנכי שאזכה להתפלל'. דאן דארף מען ארויפגיין אין מדריגה אנצוקומען צום מידה פון 'אהבה', דורך זען דאס גרויסקייט פון השי"ת, און ווערן אנגעפילט מיט א תשוקה והתלהבות לעבודתו יתברך.

דאס זאגט די פסוק, **מה טובו אהליך**, ווי שיין זענען דיינע בתי מדרשים, ***יעקב***, ווען מען גייט צו מיט ענוה ושפלות, דאן קומט מען אן צו **משכנותיך**, א לשון פון רוען (שוכן), **ישראל**, דאס איז די אותיות 'לי ראש', דאס איז דער בוכ"ע וואס ער איז אונזער ראש עליון, ווען מען איז זיך מתבונן אין דאס גרויסקייט פון השי"ת רוהט מען כביכול נעבן דעם בורא ית"ש. (באר משה)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ג ר' אברהם חיים נאה זצ"ל

בעל קצות השולחן – כ' תמוז תשי"ד

**נוֹרָאוֹת אָמְרוּ בְּזוֹהַ"ק עַל מַאן דְּאִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא וְכוּ', וּכְמוֹ שֶׁבֵּיאֵר הַכַּוָּנָה רַבֵּינוּ הַתַּנְיָא זַ"ל דְּהַיְינוּ בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִים.**

(בס' שומר אמונים)

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

מְקִימִי מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן

# דאס איז נישט געמאכט פאר מיר, פאר אזא לא יצלח ווי מיר וועט די קבלה און קוויטל שוין נישט אויפטון...

### א רירנדע געשיכטע פון א פרישן שנה ראשונה יונגערמאן, איינזאַם, אַליין אין אַ ים הגדול פון פיין און אייטער, און זיין וואונדערליכע ישועה בזכות פונעם קבלה

**הקדמת הכותב:** איך האב ב"ה די געוואלדיגע זכי' צו זיין דער כתבא רבא, אראפצושרייבן און מסדר זיין מידי שבוע ושבוע די מאמרים און סיפורים וואס ווערן געברענגט דא אינעם גליון. געווענליך א וואך באקום איך צוגעשיקט די חומר פונעם 'מערכת אפיס', וואס דארט קומען אריין די געשיכטעס ערשטהאַנטיג דורך די בעלי מספרים, דורך א וואויסמעיל, צי בכתב א.ד.ג., און דאס ווערט ווייטער געשיקט צו אונזער שרייב-טישל, מיר זאלן דאס אפשרייבן בטוב טעם ודעת.

די וואך, אַזוי זיצנדיג ביים שרייב-טישל אָנצוגרייטן דעם גליון פון די היינטיגע וואָך, ווען איך האַלט שוין כמעט ביים פערטיגן אויסארבעטן די חומר, קומט אריין א איד מיט וועמען איך האב געהאט אפגעשמועסט א באגעגעניש, און זעענדיג מיין באשעפטיגונג פרעגט ער מיר: "איר שרייבט פאר 'נקדישך'?"

- "יא, בעזרת השם", ענטפער איך אים.

- "אה", ווערט ער פרייליך, כ'האב א מורא'דיגע מעשה וואס האט ביי מיר פאסירט - הייבט דער איד אָן זאָגן - און איך וויל אייך זייער בעטן אַלס טובה איר זאָלט מפרסם זיין מיין "פערזענליכע געשיכטע".

נו, אַז אַ איד בעט, האָבן מיר געלייגט אַנדערע חומר אין דער זייט, אויסגעהערט דעם איד, און דערנאָך אָפּגעשריבן זיין העכסט וואונדערליכע געשיכטע, וואָס ער פאַרציילט אונז פנים אל פנים, ווי פאָלגנד:

*

### אַ הערליכער אָנהויב

**מיין** מעשה הייבט זיך אָן מיט געציילטע יאָרן צוריק. איך האב חתונה געהאט בשעטו"מ, און געהאפט אזויווי יעדער איינער פאר א זיס לעבן.

ניין חדשים נאָך דער חתונה איז בעז"ה געבוירן געווארן צו מיר א קינד, און איך האב געדארפט ארויסגיין ארבעטן כדי צו קענען דעקן די הויכע רענט, און ברענגען ברויט אין שטוב.

היות איך בין געווען א בחור מיט פילע טאלאנטן און אַסאַך חברים - ווי מ'רופט עס: "פּאָפּולער" - האב איך ערווארטעט צו טרעפן לייכטערהייט א פרנסה וואו איך וועל קענען ארויסווייזן מיינע כשרונות און טאלאנטן. פאר מיינע אויגן האב איך שוין געזען דעם שמייכל פון מיין באַלעבאָס, ווען זיינע אויגן זאגן מיט צופרידנהייט: 'דו איבערראַשט מיך מיט דיין געוואלדיגע אַרבעט...'

אַן ענערגישער בין איך אַלעמאָל געווען. כ'האָב זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער יאַרכע זוכן אַרבעט, און כ'האב ב"ה געטראפן עפּעס וואס האט אויסגעזען צו האָבן פּאָטענציאַלן. אַלעס האָט מיר געשיינט, און כ'האָב זיך געשפּירט זייער אָפּטימיסטיש.

### פּלוצים אַ בראָך, ל"ע

און דאן האט זיך עס אנגעהויבן...

מיטאַמאָל, ממש פון איין טאָג אויפ'ן צווייטן, האב איך אנגעהויבן ליידן אויף

המשך אויף עמוד ח'

אין לקרותו בשעת התפלה וקריאת התורה

ויש להזהר על קדושת הגליון

# ישועה גורדת ישועה

ווי באקאנט, זאגט מען נאך פון צדיקים, אז ווען איינער ווערט פארשעמט און ער שווייגט, קען ער דעמאלס פועל'ן גרויסע ישועות פאר זיך און פאר אנדערע. אן עלטערע בחור'ל, וואס האט שוין לאנג געווארט פאר זיין באשערטע, האט געוואלט באקומען אביסל 'בושות', איז ער צוגעקומען צו מיר און געבעטן:

"אזויווי איר זענט עוסק אין א סענסעטיווער ענין אלס גבאי בענין 'מורא מקדש', און צומאל קומט אייך אויס צו ליידן בושות פון אנדערע. וויל איך אייך בעטן, אז ווען איינער פארשעמט אייך, זאלט איר מיר אינזין האבן בשעת מעשה, אז איך זאל טרעפן א שידוך בשעטומ"צ".

דער אמת איז, אידן ווילן זיין וואויל און ערליך, יעדער איד איז מודה אז דער בית המדרש איז א מקום קדוש, און מ'טאר נישט רעדן בשעת'ן דאווענען. דאך האט זיך געקענט מאכן אמאל אז א יחיד איז געווארן בייז אז מ'האט אים נישט געלאזט דערציילן זיין גאנצע נייעס'ל. אמאל מיטן לאזן פאלן א ווארט ברבים, א שטופ, א שלעפ דעם טלית. בקיצור, ס'איז נישט אלעמאל געווען אזוי איינגענעם.

ס'איז אדורך חדשים און דער בחור איז מיר טאקע געלעגן אין זכרון, אבער דער בושה איז נישט געקומען. אפילו דא און דארט האט זיך יא געמאכט אז איינער האט עפעס געזאגט אדער געטון, איז מען דאך שוין געווען צוגעוואוינט צו דעם, און ס'איז שוין געווארן אויס בושה...

*

**ס'איז** געווען אין א ווינטערדיגע שבת צופרי ביי מוסף, ווען א יונגערמאן איז געקומען אין מיין שכינות שמועסן מיט זיין חבר בשעת חזרת הש"ץ. אויף דעם שטייט דאך בפירוש אין שו"ע 'גוערין בו'. מ'האט פרובירט מיטן איידעלן וועג, מ'האט זיך געבעטן ביי זיי מיט שטום לשון בבקשה ותחנונים אז זיי זאלן זיין שטיל. אבער דער יעניגער האט זיך געהאלטן ביי זיינעם, ער וויל יעצט זיצן דא און שמועסן, און קיינער וועט אים נישט שטערן.

כאטש זיי האבן דורכגעשמועסט דער גאנצער חזרת הש"ץ, האב איך געדענקט דער כלל: מעורר זיין העלפט. אפילו אויב נישט אויפן מינוט, וועט זיך יענער לערנען אויף להבא.

ס'איז אבער געווען א שטיקל טעות, דעם קומענדיגן שבת, ווי נאר דער חזן הייבט אן 'ברוך את ה'...', בא יבוא ברנה, ער קומט אהין צו שפאצירן פונדערווייטנס מיט א גרויסן שמייכל, ער וויל נאכאמאל מאכן סחורה...

בזדון מאכן א שמועס? דאס האט שוין גאנץ אן אנדערע הלכה.

ווען איינער האט א נסיון צו שמועסן, זיין יצר הרע טרייבט אים צו ענדיגן דערציילן עפעס א נייעס'ל, דארף מען אים טאקע מעורר זיין, אבער ווען איינער שפילט מיטן שו"ע, דאס איז שוין א חוצפה כלפי שמיא, אויף אזא אופן דארף מען גיין אביסל שטערקער, אזויווי די פוסקים שרייבן: 'יעמדו אנשים על זה אשר ישגיחו באיומים רבים על המדברים, ויביישו אותם ברבים' (אליה רבה).

איך האב מחליט געווען, 'יעבור עלי מה', מען מוז דאס אפשטעלן. איך האב אבער גע'חזר'ט ביי זיך אין קאפ: נעם עס נישט פערזענליך, פארליר זיך נישט, ווער נישט זייער שונא אפילו פאר א רגע, חס ושלום. אויב יא, ביסטו אויס שליח. פרוביר צו טראכטן נאר פונעם באשעפער.

דער יונגערמאן הייבט אונטער די בעקישע אינאיינעם מיט'ן טלית, און מיט א גרויסן שמייכל מאכט ער זיך באקוועם קעגנאיבער זיין חבר, און גרייט זיך אנצוהייבן א שמועס (כאטש ער ווייסט נאכנישט פונקטליך מיט וואס אנצוהייבן...).

איך האב זיך געשטעלט אויפן זייט, און שטילערהייט געבעטן: נו, ששש, ששש... ביידע שמייכלען ווייטער, און רעדן סתם ווערטער, נאר כדי צו ווייזן אז מען קען יא שמועסן.

איך האב אנגעהויבן קלאפן שטילערהייט אויפן טיש, און זיי רעדן ווייטער. א שכן פונדערווייטנס האט מיר מיט א בייזע פנים געוואונקען: נו... ששש... אנשטאט צוגיין צו די יונגעלייט און זיי מוסר זאגן, האט ער מיר באזידלט אויף די גערודער. ער האט גאר צוגעלייגט אויל צום פייער.

אבער מ'טאר נישט אויפגעבן, מיט א רואיגע געמיט, און מיט די ריכטיגע כוונה, האט מען זיך געשטעלט ביים זייט פונעם טיש, אזוי אז מיין טלית האט געשטערט צווישן זייערע פנימ'ער. זיי האבן פרובירט דאס מעביר צו זיין, אבער נאכן זען אז עס גייט נישט, האט איינער געגעבן א שלעפ דעם טלית, און דער קאפל האט זיך מיטגעשלעפט, און איך האב זיך געטראפן שטיין אזוי אינמיטן בית המדרש...

אה, ממש א גאלדענע געלעגנהייט, יעצט איז עס גוט געלונגען, איך האב שנעל אינזין געהאט 'ראובן בן לאה' זאל געהאלפן ווערן מיט א זיווג הגון בקרוב.

פאר מיר איז עס געווען גאר א גרויסער בושה. פאר זיי אויך. ווייל די וואס האבן געזען וואס עס האט פאסירט, האבן אויך געזען ווער די בעלי המעשה זענען, און זיי האבן געהויבן פיס.

ב"ה אז כאטש דער שמועס האט זיך געענדיגט, און מ'האלט נאך פאר 'מודים דרבנן'.

באלד נאך 'אנעים זמירות' בין איך צוגעגאנגען צום בחור'ל, און שאקלנדיג זיין האנט געוואונטשן פון הארץ: "מזל טוב, ראובן!" דו ביסט א געהאלפאנער בס"ד!

איך גרייט זיך אהיימצוגיין פון ביהמ"ד, און די צוויי ווארטן אויף מיר. זיי רופן מיר אויף א זייט, און ווילן עפעס רעדן.

נו, איך בין דאך בכלל נישט ברוגז אויף זיי. מען זעצט זיך אוועק, און וואס ווילן זיי?...

זיך איבערבעטן, אודאי.

"הערט מיר אויס", זאג איך זיי מיט א רואיגקייט, "מיר דארפט איר נישט איבערבעטן, איך בין מסודר ב"ה, איך האב שוין גע'פועל'ט א שידוך פאר א צווייטער איד, אויב אבער ווילט איר זיך פארגוטיגן מיטן באשעפער", האב איך זיי געזאגט, "דארפט איר עפעס מקבל זיין אויף להבא".

"אויב צוויי וואכן קום איך נישט אהער שמועסן", פרעגט דער טלית-שלעפער. "ביסטו מיר מוחל?"

"נישט אונטער פיר וואכן", זאג איך צוריק מיט אנטשלאסנקייט.

"ניין", מיר קענען נישט מער פון צוויי וואכן.

"א גוט שבת". איך הייב זיך אויף און איך גרייט זיך צו גיין. ווי געזאגט, עטס ווילטס נישט, איז נישט.

"קום צוריק", בעטן זיי זיך בתחנונים, "אקעי, מיר זענען גרייט פאר פיר וואכן, ביסט אונז מוחל?".

יא אודאי, מחול לכם, מחול לכם! מען געבט זיך די הענט מיט א שמייכל, "אבער געדענקט..." דריי איך זיך צוריק צו זיי, און ווייז מיטן פינגער, "ס'איז נאר על מנת אז איר האלט איין דעם תנאי".

פיר וואכן איז געווען שא שטיל אין ביהמ"ד. די יונגעלייט האבן ערליך מקיים געווען זייער תנאי.

יעצט קומט דער מופת: א טאג דערנאך, פונקט דרייסיג טעג שפעטער, הער איך א פריילעכער 'מזל טוב', דער גאנצער שטאט איז אויף רעדער, ראובן בן לאה ווערט היינט נאכט א חתן! אן אפענער מופת!

*

**אבער** דאס איז נאר דער ערשטער חלק פונעם מעשה.

א חודש שפעטער, האט איינער פון די צוויי געמאכט אן אסיפה ביי זיך אינדערהיים, און געלאדנט עטליכע און דרייסיג פון זיינע חברים, און מ'האט זיך דארט צוזאמען מקבל געווען נישט צו רעדן בשעת 'קריאת התורה' אפילו 'בין גברא לגברא', פאר זיבן ספירה וואכן, לזכות ולישועה פון איינער פון זייערע חברים וואס ווארט שוין צען יאר געהאלפן צו ווערן מיט א ישועה.

ישועה גוררת ישועה, יענער איז ב"ה אויך געהאלפן געווארן קורץ דערנאך.

**וואס מ'קען אלס פועלן אין בית המדרש!**

# וְשָׁמְרוּ (ב)

## אויף שבת דארף מען 'ווארטן'

**דער** הייליגער **בעל התניא** טייטשט די ווערטער: '**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת**', אז עס איז א לשון פון ווארטן, ארויסקוקן און זיך גרייטן אגאנצע וואך אויף שבת, אזויווי **וְאָבִיו 'שָׁמַר' אֶת הַדָּבָר** (בראשית לז, יא), וואס טייטשט 'ווארטן'. דאן ווען עס קומט שבת וועט ער עס קענען אפרעכטן ווי עס דארף צו זיין און שפירן '**בטל במציאות נגדו יתברך, והוא לבדו הוא, היה הוה ויהיה**'.

'**לְדֹרֹתָם**' - זאגט ער ווייטער, יעדע וואך האבן מיר טאקע א שבת קודש, אבער קיין איין שבת איז נישט גלייך צום צווייטן, יעדע שבת דארף מען פון פריש אנערקענען און שפירן באמת, אז דער בורא כל עולמים איז איינס, און עס איז גארנישט דא אויסער אים (מאמרי אדמו"ר הזקן - פרשיות, עמוד שעז).

## דער שבת זאל אויפטון

**הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורא זי"ע** (בארות מים) האט געטייטשט דעם 'ושמרו', מיט דעם יסוד וואס מיר ווייסן פון זוהר הקדוש, אז אלע השפעות פון אגאנצע וואך קומען אראפ דורך שבת. דעריבער איז דער פשט אזוי: **וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת** - די אידישע קינדער זאלן אזוי שטארק היטן שבת, ביז עס וועט זיין **לַעֲשׂוֹת** - אז דער שבת זאל פועל זיין און אויפטון די אלע געוואלדיגע ענינים וואס שבת דארף אויפטון און ברענגען.

זיין זון **הרה"ק הפחד יצחק מבאיאן זי"ע** איז מוסיף, אז די שמירה וואס דער פסוק רעדט, מיינט אז מען זאל זיך אפהיטן אז דער שבת זאל זיין אן קיין שום מחשבות זרות און אן קיין פניות, דאן וועט טאקע זיין '**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם**', אז דער שבת וועט טון זיינס, און משפיע זיין א חיות דקדושה אויף די גאנצע וואך.

## איין שבת העלפט היטן דעם קומענדיגן שבת

**דער** הייליגער **קדושת לוי** שרייבט: ווען א איד היט שבת ווי עס דארף צו זיין, גיבט דאס אריין א חיות און שפע אויפן קומענדיגן גאנצע וואך, אז ער זאל קענען דינען דעם הייליגן באשעפער. און ווען ער דינט דעם אויבערשטן מיט דעם כח במשך די ששת ימי המעשה, דאן וועט אים זיין גרינגער דעם קומענדיגן שבת, צו קענען אפהיטן און פראווען דעם שבת אויף א העכערע מדריגה, און אזוי ווייטער און ווייטער גייט א איד מחיל אל חיל.

דאס איז דער רמז אין פסוק: '**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת**' - אידן ווערן אפהיטן איין שבת, '**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**' - דאס וועט מאכן דעם קומענדיגן שבת, ווייל איין שבת העלפט פארן צווייטן.

דער זעלבער בחינה שרייבט דער **שפת אמת** (שבת החודש תרל"ד) בשם זקינו הגדול בעל **חידושי הרי"ם**, אז יעדער שבת גיבט כח פאר די ששת ימי המעשה, וואס דורכדעם קען מען זוכה זיין צו א העכערן שבת, '**עד שבת הגדול סוף שבתות השנה**'. טייטשט דער שפת אמת: **אֶת** לרבות, **אֶת הַשַּׁבָּת**, איז די הארה פון שבת וואס מען נעמט מיט אויפן גאנצן וואך, און דאס דארף מען אפהיטן אז עס זאל טאקע האבן א השפעה אויף ווייטער, און מען זאל קענען זוכה זיין קומענדיגע וואך צו א העכערן שבת.

אויף א צווייטע פלאץ (בשלח תרל"ו) זאגט דער שפת אמת: **וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל**, אז מען דארף אפהיטן דעם שבת אז עס זאל נישט ארויסגיין פאר די אומות העולם: '**שהתגלות הקדושה בשב"ק הוא בעבור ישראל... והוא פריסת שלום עלינו... והם עצמם המחיצה להבדיל בין קודש לחול... כמ"ש במדרש גוי ששבת חייב מיתה... וכמ"ש במקום אחר פי' 'בני ישראל יהיה בן זוגך', שהם מיוחדים לקבל השפעת קדושת השבת שלא תתפשט החוצה**'.

## אידן ברענגען א תענוג פארן שבת

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער **ישמח ישראל**, אז ווען אידן זענען שומר שבת כהלכתו, און זענען מענג דעם שבת, חוץ פון דעם וואס זיי זענען מקבל די הייליגע אורות און השפעות פון שבת קודש, איז לעומתם זענען אידן משפיע און ברענגען א נחת רוח און תענוג פארן שבת. דאס איז פשט: '**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת - לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**', אז כלל ישראל 'מאכט' דעם שבת, און זענען משפיע א שפע קדושה פארן שבת קודש, אזוי זענען זיי 'מענג את השבת' - זיי ברענגען אן עונג פארן שבת.

## צדיקי הדור זענען ממשיך קדושה פאר די פחותי ערך

**דער** הייליגער **מאור ושמש** שרייבט, אז אויף די צדיקי הדור ליגט א פליכט צו ממשיך זיין די קדושת שבת אויך אויף די פשוט'ע אידן, וועלכע זענען פארנומען אגאנצע וואך בענייני עולם הזה, און זענען טרוד על המחיה ועל הכלכלה. וועגן דעם שטייט: '**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת**' - די 'בני ישראל', וואס מיינט די בני עליה, זאלן אפהיטן דעם שבת; '**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם**' - אז זיי זאלן ממשיך זיין דעם שבת פארן גאנצן דור, פאר אלע מדריגות פון אידן.

## א דירה פאר חתן כלה

**אין זוהר הקדוש** (זוהר חדש, פה.) שטייט, אז '**לְדֹרֹתָם**' שטייט חסר, אן קיין ו', אלס א רמז אז מען דארף צוגרייטן די 'דירה' אויפצונעמען דעם שבת המלכה ווי עס פאסט. ווי חז"ל זאגן אז עס זאל זיין נר דולק, שולחן ערוך, ומטה מוצעת, אזויווי א דירה איז אנגעגרייט פאר א חתן וכלה.

דער **חידושי הרי"ם** (פרשת תשא, ד"ה לעשות) לייגט צו צו דעם: א איד דארף וואוינען אינעם שבת, ער זאל אריינגיין דערין ווי אין א דירה, אז דער שבת זאל אים ארומנעמען פון אלע זייטן.

*

## א תענוג און טעם אין שבת

אלע צדיקים, ובפרט די ספרי חסידות זענען פול מיט פייערדיגע לשונות פון אהבה וחיבה צום הייליגן שבת, וואס ברענגט די גרעסטע תענוג און הנאה פאר ערליכע אידן.

**הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע** פלעגט זאגן: "**וואלטן ווען די גרעסטע בעלי תאוה און בעלי עבירה אויף דער וועלט געוואוסט דעם גרויסן תענוג וואס צדיקים האבן פון יעדער מצוה, בפרט פונעם שבת, וואלטן זיי אלעס אוועקגעווארפן און זיך גענומען צום שבת**".

אבער וואס טוט א פשוט'ער איד וועלכער האט נאכנישט זוכה געווען צו שפירן א טעם אין שבת?

האט געזאגט רבי שלמה קארלינער: "**אז א איד היט שבת, און ער איז עוסק בתורה ובתפילה, אבער ער שפירט ניט קיין תענוג און ניט קיין שמחה, אויב גלייבט ער אז עס איז פאראן א תענוג אין שבת נאר ער האט עס ניט, ער פילט ניט, קאנען אים גוטע אידן א טובה טאן, און זיי קאנען אים דערלאנגען א תענוג פונעם עולם העליון**".

**הרה"ק רבי משה מקאברין** האט געזאגט: "**עס איז מיר גרינגער צו גלייבן אז די זיבן יַמִים ווערן זיך אויסטרוקענען, ווי צו גלייבן אז א איד וואס קען זינגען זאל ניט זינגען אין שבת קודש**".

# וויאזוי איז מען זוכה צו קבלת התפילות?! (א)

## בלק פרובירט צו דאווענען...

דער הייליגער **תפארת שלמה** זאגט די וואך אין פרשת בלק מורא'דיגע יסודות אין **תפילה**, וואס ער טייטשט אריין אין די פסוקים.

ברענגט ער, אז ווען בלק און בלעם האבן זיך צוזאמגערעדט צו פארשטיין דעם כח וואס אידן האבן אז זיי זענען מנצח אין מלחמות שלא כמנהג העולם, האבן זיי פארשטאנען: **'כי לא בחרב ובחנית יגבר עליהם, כי ה' הנלחם להם במה שצועקים אליו והוא יענם'** - זיי האבן געזען אז דער כח פון כלל ישראל נעמט זיך נישט וויבאלד זיי קענען בעסער תכסיסי מלחמה, נאר וויבאלד דער רבוש"ע העלפט זיי.

קומט דאך אויס, אז זייער כח איז אז זיי ווייסן וויאזוי צו מאכן אז דער אויבערשטער זאל זיי העלפן. דאס איז א געטליכער כח. האבן זיי געוואלט ווייסן וויאזוי זענען זיי זוכה אז דער גאט זאל זיי העלפן?! **האבן זיי געזען אז אידן האבן א ספעציעלן כח אין תפילה, און צוליב דעם כח זענען זיי מורא'דיג שטארק מצליח.**

האט בלק געטראכט: נו, אויב דער כח איז תפילה, לאמיר עס אויך נוצן! לאמיר אויך משקיע זיין אין דעם, מ'וועט זיך לערנען וויאזוי מען טוט דאס.

א נברא קען דאך רעדן צום בורא. גויים זענען אויך נבראים. גויים קענען אויך בעטן דעם רבוש"ע, און דער אמת איז טאקע אזוי. אויב א גוי איז מתפלל ריכטיג אודאי וועט ער געהאלפן ווערן, ווייל דער כח פון תפילה איז בעצם א כח וואס יעדער נברא האט, ווי מען זעט אין **פרק שירה**, אז אלע נבראים קענען זיך מדבק זיין צו זייער בורא, וואס פון דארט נעמען זיי חיות. און ווען זיי זענען זיך מדבק צו דעם פלאץ וואס פון דארט קומט זייער חיות גיבט עס זיי א געוואלדיגער כח.

ווען שלמה המלך האט אויפגעבויט דעם בית המקדש האט ער מתפלל געווען (מלכים א', ו, לב): **וְגַם אֶל הַנָּכְרִי אֲשֶׁר לֹא מֵעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל הוּא... וּבָא וְהִתְפַּלֵּל אֶל הַבַּיִת הַזֶּה...** (מלכים א' ח, מג) **אַתָּה תִּשְׁמַע הַשָּׁמַיִם מְכוֹן שִׁבְתֶּךָ וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר יִקְרָא אֵלֶיךָ הַנָּכְרִי לְמַעַן יֵדְעוּן כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת שְׁמֶךָ...**

אבער - זאגט דער **תפארת שלמה** - דער פסוק זאגט אין משלי (טו, כט): **רָחוֹק ה' מֵרְשָׁעִים וּתְפִלַּת צַדִּיקִים יִשְׁמָע** - דער רבוש"ע הערט די תפילות פון צדיקים און נישט פון רשעים. פארוואס טאקע? וויבאלד אידן האבן א ספעציעלן כח אין זייער דאווענען אז זייערע תפילות ווערן נתקבל.

## עס איז צו שווער פאר מיר...

**און** דער סיבה דערצו האט בלק משיג געווען: **'אז ראה והבין כי הרבה קדושה וטהרה וכוונות הלב צריך לתפלה עד בואה לפני השי"ת, וכמה תשובה ומעשים טובים צריכים בני ישראל להקדים קודם פתחם פיהם לאמור דבר לפני השי"ת בהכנעה ושפלות רוח'.**

זיי האבן פארשטאנען אז אידן גייען צו צום דאווענען מיט א קדושה וטהרה, זיי גרייטן זיך מיט א כוונת הלב בעפאר זיי דאווענען, און זיי גייען ריכטיג צו דערצו. **דאס איז די פינטל פארוואס זייער דאווענען האט אזא שטארקער כח** אז עס איז מנצח אין מלחמות. **ווייל זיי ווייסן וויאזוי צוצוגיין צום דאווענען ריכטיג,** מיט די ריכטיגע הכנעה ושפלות רוח, מיט תשובה און מעשים טובים, אז ווען זיי עפענען דאס מויל זאגט זיך עס, **עס ווערט א דביקות אינעם רבוש"ע, און דאס ברענגט שפע און סייעתא דשמיא.**

און צוליב דעם האבן זיי מורא געהאט: **'לכן בא מגור לנפשו ורקב בעצמותיו, כי לא יכול להשיג כל אלה ויקץ הוא מפני העבודות העם כי רב הוא עליו, ושלח אחר בלעם אולי הוא יכוון לכל זה'.**

בלק האט געזען אז ער קען דאס נישט באווייזן, וועגן דעם איז געווען **'ויקץ'** - ער האט ממאס געווען די עבודה פון זיך גרייטן צו אזא סארט דאווענען. **'כי רב הוא' - ווייל עס איז צו א גרויסע עבודה,** עס איז נישט פאר מיר, איך קען דאס נישט נאכמאכן. דעריבער איז ער געגאנגען רופן בלעם. אזוי טייטשט דער תפארת שלמה.

## אידן ווייסן וויאזוי צו דאווענען ריכטיג

**דאס** איז דער גרויסער יסוד. **יעדער איד וואס וועט זיך אויסלערנען וויאזוי צו דאווענען ריכטיג, וועלן זיך זאכן שטעלן אין פלאץ אויף א מורא'דיגן פארנעם.** עס איז נישט נאר ער דאווענט, די שאלה איז אויב ער האט געכאפט דעם פינטל וואס מאכט אז די תפילות זאלן אזוי שטארק מצליח זיין.

די שאלה איז: וויאזוי קען מען דאס טון? עס איז דאך וויכטיג יעדע מינוט פאר יעדן מענטש. עס איז וויכטיג פאר יעדן איד זיך אויסצולערנען וויאזוי מען קען דאווענען מיט דער ריכטיגער סארט הכנעה ושפלות רוח.

עס איז דא אין דעם עטליכע פשוט'ע זאכן, אבער מען דארף עס אלעמאל חזר'ן. **די ערשטע פון אלע נקודות ווען מען שטעלט זיך דאווענען איז, אז דער מענטש איז נישט ברוגז אויפן רבוש"ע. דאס איז די הקדמה.**

אז א מענטש בעט אויף א ישועה, ער בעט פונעם רבוש"ע אויף אן ענין אז עס זאל קומען שפע אויף עפעס א פלאץ, איז די טבע פון א מענטש וואס איז מתפלל אז ערווארט אויף א שינוי. אז דו ווילסט האבן א שינוי אינעם מצב, איז פשט אז דו ביסט נישט צופרידן מיטן פריערדיגן וועג. אז נישט, פארוואס קומסטו בעטן?

ממילא אויב א מענטש איז זיך נישט מתבונן, וועט די נאטירליכע וועג פון דאס בעטן האבן אין זיך א שטיקל טינה בלב, ווייל דאס איז דאך דער מהות פון בעטן אויף א שינוי.

## אויב ביסטו צופרידן פארוואס בעטסטו?

**מען** וועט נעמען א דוגמא: אן ארבייטער בעט פון זיין בעל הבית א געהאלט-העכערונג. ער איז אים מסביר אז זאכן זענען אזוי טייער געווארן, איך קען נישט ענדיגן דעם חודש. איך ארבעט אזוי שווער, מען בעט מיר אריינצוקומען ארבעטן ביינאכט, און אפילו

המשך אויף עמוד י'

## אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

### יחרד האיש וילפת בעמדו להתפלל

**ואל** יחשוב אדם א"כ מה לי להתפלל בלב נשבר, בלא זה ג"כ הקב"ה מקבל התפילה, אסור לאדם לחשוב כך, כי ראוי לכל אדם שיחשוב הדברים ההם קודם כל תפלה, כמה מלאכים יש להקב"ה, וכל מלאך הוא שליש עולם, והם כגרגיר החרדל בפני אופן אחד, והאופנים כנ"ל, לפני חיה אחת, והחיות כנ"ל לפני כסא הכבוד, וכולם שואלים איה מקום כבודו, ואתה בן אדם ישמעו אזניך מה שאתה מוציא מפיך, כולם אהובים, וכולם עושים באימה וביראה רצון קוניהם, מעתה יחרד האיש וילפת בעמדו להתפלל לפני מלך גדול כזה ומהראוי להזדעזע בכל אבריו.

(קדושת לוי, ויחי)

## וַיַּשְׁמִיעֵנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

### סגולה להתחזק בדביקות כל היום

**הרה"ק** בעל הדברי יחזקאל משינאווא זי"ע היה רגיל לומר תמיד, ובפרט לנערי בני ישראל שהגיעו למצוות, שענין גדול הוא לכוין בשעת כריכת רצועות התפילין על היד, את הפסוק ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, שיש בו שבע תיבות, נגד שבע הכריכות, וזה מועיל ומסוגל להתחזק בדביקות כל היום.

(דברי יחזקאל החדש עמוד שיג)

## תולדות צדיק

**הרה"ק רבי יעקב ארי' גוטערמאן** איז געבוירן געווארן אין יאר תקנ"ב, אין שטאט ווארקא, צו זיין פאטער, איש ירא אלקים הרה"ח רבי שלמה גוטערמאן, און צו זיין מאמע די צדיקת מרת בינה. ער איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן **קאזניצער מגיד זי"ע**, דער **חוזה פון לובלין זי"ע**. שפעטער האט ער זיך מדבק געווען אין **הרה"ק רבי בונם מפרשיסחא זי"ע**, וועלכער איז געווארן זיין רבי מובהק.

נאך דאס הסתלקות פונעם רבי'ן רבי בונם האט ער זיך מקשר געווען צום גרויסן תלמיד **הרה"ק רבי איציקל ווארקער זי"ע**. הערשט נאך דאס הסתלקות פונעם ווארקער האט ער אליין אנגעהויבן פירן אן עדה קדושה אין ריטשוואהל, און שפעטער האט ער זיך באזעצט אין ראדזימין, ביז צו זיין פטירה לחיי העולם הבא, ח"י תמוז שנת תרל"ד.

## מלאכים און שרפים ציטערן פון זיין הכנה צום דאווענען

**דער** הייליגער רבי ר' בונם האָט זייער מחבב געווען זיין גרויסער תלמיד דער ראדזימינער זי"ע. מען פלעגט זאגן ביי חסידים, אז אַז ביים רבי'ן רבי בונם זענען פאַראַן דריי תלמידים, איינער פאַרברענט די וועלט (דער קאָצקער זי"ע), דער צווייטער פאַרשיינט די וועלט (רבי איציקל ווארקער זי"ע), און דער דריטער - רבי יעקילע ראַדזימינער - דרייט זיך אין אַן עיגול אין בית המדרש און גרייט זיך צום דאַווענען, און מלאכים שרפים ואופנים פון הימל ציטערן פאַר אים...

## מיין גוטער בעטלער

**רבי** ר' בונם פלעגט יעדן יום טוב סוכות לאַדענען אין די סוכה די תלמידים וועלכע האָבן געטראָגן די נעמען פון די אושפיזין פון יענעם טאָג. איינמאָל דעם ערשטן טאָג חול המועד, דער טאג פון אושפיזא דיעקב, האָט פונקט אָנגעהויבן שטאַרק רעגענען. האָבן די תלמידים געשמייכלט אַז פאר רבי יעקב ארי'ן שפילט נישט דער מזל. אָבער דער ראַדזימינער האָט זיי געזאָגט: איך זאָג אייך צו אַז דאָס רעגן וועט זיך אָפּשטעלן נאָך איידער דער טאָג גייט אדורך.

ווען רבי ר' בונם האָט געהערט וועגן דעם שמועס, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע תלמידים: **איר קווענקלט בכלל אין זיינע ווערטער? ער פועל'ט דאָך ביים אויבערשטן אַזוי ווי אַ קליין קינד ביי אַ טאַטן. ער באַקומט אַלעס וואָס ער בעט...**

עס איז טאַקע געווען ידוע ומפורסם, אַז די תפילות פונעם הייליגן ראדזימינער ווערן מקובל אין הימל, משפיע צו זיין השפעות טובות פון ישועות ורחמים. רבי ר' בונם פלעגט אים רופן 'מיין גוטער בעטלער' (בעטער). אין די ימי הרחמים והדין פלעגט רבי יעקב מוזן שטיין נעבן זיין רבי'ן ביי די תפילות.

## עבודת התפלה

אצל הרה"ק מרן

## רבי יעקב ארי' מראדזימין

זי"ע

נפטר ח"י תמוז תרל"ד לפ"ק

## איך האב מתפלל געווען, עס מוז זיין אז ער לעבט

**הרה"צ רבי מאטל סלאנימער זצ"ל** פלעגט דערציילן, אז איינער פון די חסידים פונעם הייליגן ראדזימינער איז אמאל קראנק געווארן ל"ע, און דער ראדזימינער האט איינגעריסן פאר אים בתפילה ותחנונים. שפעטער איז איינער געקומען זאגן אז דער חסיד איז רח"ל נפטר געווארן. האט דער הייליגער ראדזימינער געזאגט: "עס קען נישט זיין, איך האב מתפלל געווען פאר אים, און עס מוז זיין אז ער לעבט". צום סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז דער חסיד האט טאקע נאך יא געלעבט און ער איז געזונט געווארן.

## אויפגעהערט צו טרינקען בראנפן

**הרה"ק** מראַדזימין פלעגט נישט טרינקען קיין בראָנפן. אאמאל האט זיך דער ראַדזימינער געטראָפן מיט הגה"ק **רבי ישעיה מושקאט פון פראַגא** ביי אַ ברית מילה, און ער האט ווי זיין שטייגער נישט געוואָלט טרינקען קיין יי"ש.

ווען רבי ישעיה האָט דערויף אויסגעדרוקט זיין וואונדער, האָט אים דער ראדזימינער געזאָגט: איך בין אַמאָל יונגערהייט געזעסן מיט די חבריא, און ס'איז געוואָרן דער זמן פון מעריב. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט געטרונקען בראָנפן, האָב איך נישט געוואוסט וויאַזוי איך וועל קענען דאַווענען, נישט שפירנדיג קיין התעוררות דערביי. האָב איך געטרונקען נאָך אַ גלעזל און נאָך גלעזל, ביז איך בין נתבשם געוואָרן און אַראָפּגעלייגט אַ דאַווענען, אַ שטאַרקע מעריב, מיט אַזאַ קראַפט וואָס אין מיין לעבן האָב איך נאָכנישט געהאַט אַזוי געדאַווענט! האָב איך נאָכדעם געטראַכט צו מיר: 'אויב די בראָנפן קען מיך אַזוי פּאָפּן, און אַריינברענגען אין מיר אַזאַ פאַלשע גדלות הנפש, וויל איך עס מער נישט אַרייננעמען אין מויל! פון דעמאָלט אָן האָב איך אויפגעהערט טרינקען בראָנפן".

## אינעם לובלינער שטיבל אין ווארקע

**אין** זיינע יונגע יארן ווען ער האט געוואוינט אין ווארקא פלעגט ער יעדן טאָג איידער'ן דאווענען גיין זיך טובל'ען אין טייך, כדי זיך צו גרייטן מיט א הכנה דרבה צו שחרית. אפילו אין די ווינטער-טעג ווען עס איז געווען גאר קאלט האט ער נישט פארפאסט קיין טאג פון זיך טובל'ען אין טייך.

אויפן וועג צום טייך פלעגט ער דארפן דורכגיין דעם שטיבל פון די לובלינער חסידים, און מען פלעגט אים צומאל בעטן ער זאל אַריינקומען משלים זיין מנין, דעריבער פלעגט ער דארט מיטדאַווענען מיטן ציבור.

אַמאָל, ווען די חסידים זענען געפאָרן צום הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, האָבן זיי אים אַהינגעגעבן קוויטלעך פון אַלע חסידים וואָס זענען געקומען דאַווענען אינעם שטיבל אין ווארקא, און רבי יעקב אריה'ס נאָמען איז געווען צווישן זיי. ווען דער הייליגער רבי פון לובלין האָט געזען צווישן די אַנדערע נעמען דעם נאָמען '**יעקב ארי' בן בונא**', האָט ער זיך אָנגערופן: "דער יונגערמאַן געפעלט מיר. פאַרוואָס זאָלט איר אים נישט אהערברענגען?" און די חסידים האָבן געענטפערט אַז ער וויל נישט קומען.

נאָך אַ שטיק צייט האט דער ראדזימינער באשלאסן יא מיטצופארן קיין לובלין, און פון דעמאָלט איז ער נתקשר געוואָרן נפש בנפש צום הייליגן רבי'ן פון לובלין.

רבי יעקב ארי' פלעגט אַלע דערציילן וועגן זיין ערשטע באַגעגעניש מיטן הייליגן לובלינער. "ווען דער רבי האָט גענומען מיין האַנט אין זיין הייליג האַנט, האָב איך געשפירט ווי אַ פייער גייט דורך אַלע מיינע ביינער. עס פאַרברענט אַלע מיינע גופניות'דיגע תאוות. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געשפירט ווי אַ נייער מענטש".

## מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### זיצן און לערנען בשעת ווען איינער דאווענט דערנעבן שמו"ע

**שאלה:** אויב איינער וויל לערנען אויף א פלאץ אין בית המדרש, און א צווייטער שטייט יעצט דארט דערנעבן און דאווענט שמונה עשרה, צי מעג ער דארט לערנען?

**תשובה:** אויב ער זאגט ארויס די דברי תורה מיטן מויל איז עס מותר, אבער אויב ער טראכט עס נאר אין הארץ איז עס אסור, ווייל עס איז נישט קענטיג אז ער לערנט, און ווען ער זיצט דארט זעט עס אויס ווי א בזיון קעגן דעם וואס דאווענט שמונה עשרה, וואס די שכינה הק' רוהט קעגן אים. אבער אריינקוקן אין א ספר מעג מען, וויבאלד עס איז קענטיג אז מען לערנט, און עס איז נישט קיין גנאי פאר דער שכינה.

טייל פוסקים האלטן, אז אויב ער האט זיך געזעצט לערנען דארט נאכפאר זיין חבר איז געקומען אהין דאווענען, מעג ער בכל אופן ממשיך זיין מיטן לערנען.

מען דארף אבער אכטונג געבן, אז אויב דאס פלאץ איז געמאכט יעצט אויף צו דאווענען, זאל מען נישט לערנען דארט הויך אויפן קול, באופן וואס עס שטערט דאס דאווענען.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן #2

# ככתוב על יד

# שיחות הוד בבתי גדולי הרבנים ואדמורי"ם שליט"א

## בעת כתיבת האותיות בספר תורה שנכתב ע"י קרן תוספות יו"ט

לע"נ מרן בעל תוספות יום טוב זי"ע ולזכות רבבות המקבלים
שלא לדבר בעת התפלה וקריאת התורה

## כ"ק אדמו"ר משאץ שליט"א - אנטווערפן







א הערליכער באַזוך איז פאָרגעקומען במעונו פון כ"ק אדמו"ר משאץ שליט"א אין אנטווערפן, וואו מ'האט מכבד געווען דעם רבי'ן שליט"א צו שרייבן אן אות אין כלל ישראל'ס ספר תורה, לזכותם פון אלע אידן בכל קצוי תבל 'השומרים פיהם ולשונם שלא לדבר בשעת התפילה'. דער רבי שליט"א האט אויפגענומען די 'קרן תוספות יום טוב דעלעגאַציע' מיט גרויס ווארעמקייט, און מטיף געווען דברי חיזוק והתעוררות פאר די חברי המערכת.

פאלגנד איז אן איבערזעצונג פונעם שמועס:

**אדמו"ר מ'שאץ:** עס איז זייער א שיינע כתב. ווער איז דער סופר?

**חברי המשלחת:** ער הייסט ר' איילישׁ באכנער פון וויליאמסבורג.

**אדמו"ר מ'שאץ:** איך וועל שרייבן א '' אינעם ספר תורה, ווייל איך הייס אזוי - איך בין אמאל געווען א סופר.

(וכתב אות בהס"ת)

**אדמו"ר מ'שאץ:** ס'פאלט מיר איין וואספארא שייכות האט דאס נישט רעדן ביים דאווענען מיטן ספר תורה, נאר מען ווייסט דאך אז 'יש ששים ריבוא אותיות בתורה', בשרשם איז דא ששים ריבוא נשמות, יעדער איד האט א חלק אינעם ספר תורה. דער חפץ חיים ברענגט אסאך מאל, אז ווען מ'רעדט לשון הרע אויף א איד הייסט עס אז דו פסל'סט זיין אות אין דער תורה. איז אין דיין ספר תורה וואו דו האסט א שייכות, פסל'סטו יענעמ'ס אות, דערפאר דארף מען אכטונג געבן נישט צו רעדן אויף קיין איד. אזוי שרייבט דער חפץ חיים.

ס'פאלט מיר איין, דער זוהר הק' זאגט אין פרשת תרומה, 'מאן דמשתעי בבי כנישתא לית ליה חולקא באלקא דישראל', קומט אויס אז איינער וואס רעדט אין ביהמ"ד פסל'ט ער אליין רח"ל זיין אות. ממילא אז מ'שרייבט אותיות אין די ספר תורה, איז דאס צו דערמאנען

## הגה"צ דומ"ץ בעלזא שליט"א - אנטווערפן







א גאר שיינע באַזוך איז פאָרגעקומען אין שטאט אנטווערפן במעון ביתו פון הגה"צ רבי שלמה זלמן וועבער שליט"א דומ"ץ בעלזא, וואו דער דיין שליט"א האָט אויפגענומען די חברי המשלחת במאור פנים, און מיט ווארעמע ווערטער מחזק געווען די הייליגע אונטערנעמונג מעורר צו זיין כלל ישראל 'שלא לדבר בשעת התפילה'. דער דיין שליט"א האט דערביי אריינגעשריבן אן אות אינעם כלל ישראל'ס ספר תורה, וואס ווערט געשריבן לע"נ דעם הייליגן תוס' יו"ט זצ"ל.

פאָלגנד ברענגען מיר עטליכע אויסצוגן פונעם שמועס.

**דומ"ץ בעלזא:** דער קרן תוס' יו"ט איז א גרויסע זאך.

**חברי המשלחת:** ווען עס קומט צום ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען איז בעלזא פון די יושבים הראשונים.

**דומ"ץ בעלזא:** דא אין ביהמ"ד רעדט מען נישט ביים דאווענען און נישט ביים ליינען, און בין גברא לגברא אויך נישט, ביי יעדע שמחה איז מען מקבל די אורחים מיט א ברוכים הבאים פארן ליינען, און מ'זאגט אז מ'זאל וויסן אז דא רעדט נישט ביים דאווענען, נישט ביים ליינען, און נישט בין גברא לגברא אויך נישט, דערפאר איז מען מקצר מיט די מי שברך'ס. יעדעס מאל ביי א שמחה רופט עס דער גבאי אויס פארן ליינען.

**חברי המשלחת:** אז מ'רעדט נישט באקומט מען דאך די אלע ברכות פונעם תוס' יו"ט.

(וכתב אות בהספר תורה)

**חברי המשלחת:** אין ניו יארק האט מען לעצטנס אנגעהויבן ארויסגעבן א ספעציעלע אויסגאבע פאר די ילדי תינוקות של בית רבן, א גאנצע קונטרס מיט מעשיות איבער דאס חשיבות פון דאווענען, אבער די נקודה דערפון איז, אז מ'חזר'ט די פירוש המילות און מ'פארהערט זיך דערויף.

## כ"ק אדמו"ר משאץ שליט"א (המשך)

אז יעדער איד האט אן אות, און מען דארף אכטונג געבן דערויף.

**חברי המשלחת:** אין ביהמ"ד בלי חידוש, מען גייט ארום און מען הערט אלץ שיינע חידושים.

**אדמו"ר מ'שאץ:** ס'שטייט פונעם קאזניצער מגיד אין עבודת ישראל אויף פרקי אבות, ער זאגט 'כידוע', אז ס'איז באקאנט, אז נישט נאר ס'שאדט פאר דער וואס רעדט אינמיטן דאווענען, נאר אפילו פאר אנדערע מענטשן וואס דאווענען אין דעם ביהמ"ד שאדט עס אויך. דאס הייסט אז איינער רעדט, קען עס שאטן ח"ו אז אלע תפילות זאלן נישט נתקבל ווערן, ווייל ס'איז דא איינער וואס רעדט.

אסאך מאל פרעגן מיר מענטשן: "וואס איז דער גאנצער ביהמ"ד שולדיג? דער גאנצער ביהמ"ד גיבט אכטונג, און ס'איז דא איינער וואס זיצט אין אווינקל, און רעדט צו א חבר, ניטאמאל באמערקט מען אים, און דער איינער וואס רעדט שאדט פארן גאנצן ביהמ"ד?"

האב איך געזאגט א פשט, אז ס'שטייט דארט אינעם לשון פונעם קאזניצער מגיד בזה"ל: 'ואף שאר העם המתפללין בכוונה תפילתן, ג"כ יוכל להיות שלא תקובל ח"ו תפילתם בעון האחרים'. ער זאגט א לשון 'יוכל להיות' - ס'קען זיין אז ס'וועט נישט נתקבל ווערן. לכאורה וואס איז פשט אז 'ס'קען זיין', אדער יא אדער נישט? דער קאזניצער מגיד האט דאך געזאגט די ווערטער ברוח הקודש, איז וואס הייסט אז ס'קען זיין אז ס'זאל נישט נתקבל ווערן?

האב איך געזאגט אז ס'קען זיין פשט אין דעם, ס'איז באקאנט די גמרא אין מסכת שבת נ"ד ע"ב און אין נ"ה ע"א, א גאנצע סוגיא דארט, וואס די גמרא זאגט אז איינער וואס קען מוחה זיין אויף אנשי ביתו אויף זאכן וואס זיי טוען נישט ריכטיג און ער איז נישט מוחה, איז ער אויך שולדיג אויף דעם, אדער אויף אנשי עירו וואס ער קען מוחה זיין און ער איז נישט מוחה, ווערט ער נתפס אויף דעם, אזוי ווייטער.

קען זיין אז דאס איז פשט דא אינעם קאזניצער מגיד, און ס'איז געבויט אויף די גמרא, דאס וואס דער קאזניצער מגיד זאגט אז ווען איינער רעדט איז 'יוכל להיות' אז ס'קען שאטן פארן אנדערן, דאס מיינט צו זאגן 'אויב ס'וועט זיין אזא סארט ביהמ"ד וואס קיינער איז נישט מוחה, און מ'רעדט נישט פון דעם, מ'לאזט רעדן, ס'איז אזא ביהמ"ד וואס מ'רעדט נישט פון דעם ענין צי מ'זאל יא רעדן צי נישט רעדן, אזא סארט ביהמ"ד טאקע קען ח"ו גורם זיין אז ס'זאל נישט נתקבל ווערן די תפילות. דאס הייסט 'יכול להיות' - מ'רעדט נאר פון אזא פלאץ וואס מ'איז נישט מוחה.

משא"כ אויב ס'איז אזא ביהמ"ד וואס מען איז מוחה כסדר, מ'זאגט וועגן דעם און מ'רעדט כסדר דערפון, מ'הענגט צעטליך, און יעדער איינער ווייסט אז אין דעם ביהמ"ד לאזט מען נישט רעדן ביים דאווענען, אויף אזא פלאץ אפילו ס'וועט קומען דארט איינער אין א ווינקל און ער וועט רעדן פאר זיך, איז דער גאנצער עולם אוודאי נישט שולדיג, ווייל זיי זענען דאך מוחה, מ'לאזט דאך נישט רעדן אין דעם ביהמ"ד.

ממילא, דאס איז א גרויסע אויפטו אז ס'איז דא צעטליך אז מ'טאר נישט רעדן וכדו', און יעדער ווייסט אז אין ביהמ"ד לאזט מען נישט רעדן, אויף אזא אופן איז אין הכי נמי, איז דער גאנצער עולם נישט שולדיג אויף דעם איינעם וואס רעדט, און אויף אזא אופן גייט נישט ארויף די ווערטער וואס ער זאגט אז ס'ווערט נישט נתקבל די תפילה.

מיין שאצער זיידע (הרה"ק רבי שלום מ'שאץ-לונדון זי"ע) האט אויך מורא'דיג מקפיד געווען אויף קדושת ביהמ"ד, קודם כל נישט צו רעדן ביים דאווענען, ער האט זייער שטארק מקפיד געווען אויף דעם. און בכלל קדושת ביהמ"ד האט ער מקפיד געווען.

ס'איז געווען אמאל א מעשה דארט וואס מ'האט אויפגערופן עפעס א איד אויף רביעי, דער איד איז נישט געווען קיין גרויסער ת"ח, האט ער זיך אויפגערעגט: "מיר גיבט מען רביעי? רביעי דארף מען געבן פאר דעם בעדער... נישט פאר מיר, מיר געבט מען נישט רביעי..."

מיין זיידע ז"ל האט דאס געהערט האט ער געזאגט: "פון יעצט און ווייטער גיי איך עולה זיין רביעי", אנשטאט וואס ער פלעגט ביז דעמאלס עולה זיין שישי, איז פון יעצט און ווייטער גייט ער עולה זיין רביעי, כדי צו ווייזן דאס חשיבות פון די תורה, ביי די תורה איז נישט קיין חילוק וועלכער עליה דאס איז, וואס מ'ליינט אין דער תורה איז אלעס חשוב ביים אויבערשטן. א ספר תורה איז הייליג, און א בית הכנסת איז הייליג, אלעס איז הייליג.

ממילא האבן אונז דאס אויך בקבלה פון אים אכטונג צו געבן אין קדושת ביהמ"ד, אכטונג געבן אז ס'זאל נישט זיין ארומגעווארפן קיין ספרים, ס'זאל נישט זיין שמוציג, און נישט ליגן קיין שמוץ אויף דער ערד וכו'. אכטונג געבן אויף קדושת ביהמ"ד, אזוי וועט עס מעורר זיין דעם ענין פון 'דע לפני מי אתה עומד'.

אז מ'קומט אריין להבדיל ביי א מלך בשר ודם, גיבט מען אויך אכטונג אז די שטוב זאל נישט זיין שמוציג, כל שכן וכל שכן ביים מלך מלכי המלכים הקדוש ב"ה.

מיין זיידע, דער שאצער רבי זצ"ל, האט געהאט א שוועסטער, די טשעהנוב'ע רביצין (אשת הרה"צ רבי אבי'של קאנער זצ"ל), איך האב איר נאך געזען אין ארץ ישראל, זי האט געוואוינט אין חיפה. האט זי מיר אמאל געזאגט: "דיין זיידע (דער שאצער רב זצ"ל) איז געווען ביים טאטן ז"ל (הרה"ק רבי משה מסוליץ זצ"ל) אזוי פאר'הייליגט, וואס שלום זאגט איז געווען ביי אים הייליג!"

זאל דער אויבערשטער העלפן, אז ס'זאל זיין השפעות טובות פאר אלע אידן.

(והראו לו הגליון החדש לילדים 'שטענדערל')

**חברי המשלחת:** דאס געבן אונז ארויס פאר די קינדער יעדע וואך, זיי לערנען טייטש, און ס'איז דא מעשיות ארום דאווענען, אז ס'זאל זיין אינטערעסאנט.

**אדמו"ר מ'שאץ:** יא, איך האב געהערט פון דעם. מיין זון האט צוויי קינדער וואס זענען איינגעשריבן אין דעם.

עטס געבטס דאך ארויס דעם גליון 'נקדישך' אויך, ס'איז זייער זייער חביב.

איך וויל אייך זאגן א זאך וואס דא ביי אונז אין ביהמ"ד זע איך עס. אונזער ביהמ"ד שטייט שוין צוויי און דרייסיג יאר ב"ה, און פון די ערשטע מינוט אן האט מען געמאכט זייער א שטארקע זאך דא, אז מ'טאר נישט רעדן ביים דאווענען. אין די ערשטע צייטן

## הגה"צ דומ"ץ בעלזא שליט"א
(המשך)

**דומ"ץ בעלזא:** איך זע דא אז די טייטש טייטשן זיי זייער גוט! מ'קען עס אויסלערנען פאר די טאטעס אויך... אם יש גדיים יש תיישים... ויהיה חלקי עמכם, ס'איז מורא'דיג!

איך האב געלערנט ביי מיין מלמד הרה"צ אליעזר דוד פרידמאן זצ"ל, ער איז געווען מיין רבי אין בעלזא פון תשי"ט ביז כ"א. האט ער נאכגעזאגט פון הרב וואלף וואס האט מייסד געווען די בית יעקב אין בני ברק, ער איז געווען א חשוב'ער איד, אז ערליכע קינדער מאכן אויטאמאטיש יראת שמים פאר די טאטעס...

**חברי המשלחת:** ברא מזכה אבא און אבא מזכה ברא.

**דומ"ץ בעלזא:** געוועונליך איז דער טאטע מחנך דאס קינד, אבער טאמער ער איז זוכה צו ערליכע קינדער ברענגט עס אים אויטאמאטיש יראת שמים!

**חברי המשלחת:** אונז זענען יעצט געווען ביים וויזניצער דיין, האט ער נאכגעזאגט פונעם 'שפת אמת', פון דעם ברזאנער רב, אז אמאל האט דער ערשטער בעלזא רב אינמיטן של"ס געזאגט אז מ'דארף זען אז די קינדער זאלן קענען זאגן 'אלקי אבי'.

דער רב שליט"א אין ארץ ישראל שטייט זייער שטארק אויף דעם אז מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען.

**דומ"ץ בעלזא:** יא, יא. מ'איז שוין געווען ביים רב?

**חברי המשלחת:** אונז זענען שוין געווען דריי מאל אין א"י, אבער מ'האט נישט געקענט אריינגיין, מ'האפט אז יעצט וועט מען זיך אריבערכאפן נאכאמאל, וועט מען אפשר קענען אריינגיין.

**הרב לייבוש רוקח שליט"א, אב"ד בעדפארד צענטער:** דער נאראלער רב זצ"ל איז א פעטער אונזערער, ער האט נאך געזען דעם פריערדיגן רב. מיין טאטע (הרה"צ אב"ד קאזלוב זצ"ל) האט מיר געזאגט, אז מ'האט געפרעגט פונעם נאראלער רב וויאזוי ער האט זוכה געווען צו אזא שיבה טובה, ער איז דאך געווען א זקן מופלג? האט ער געזאגט אז דער בעלזא רב, הרה"ק רבי ישכר דוב, האט אים געזאגט ער זאל שטיין ביים דאווענען, ער איז געשטאנען, און ער האט מאריך ימים געווען. אויך אן ענין אין תפילה.

**דומ"ץ בעלזא:** ער איז געווען הונדערט יאר! די ערשטע היתר הוראה האב איך באקומען פונעם נאראלער רב.

דער אויבערשטער זאל העלפן דער זכות פונעם תוס' יו"ט זאל מגין זיין, מען זאל האבן אלע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

## כ"ק אדמו"ר משאץ שליט"א (המשך)

 צייטן פלעגט מען דא כסדר מעורר זיין נאכאמאל און נאכאמאל, ביז מ'האט זיך צוגעוואוינט, אז היינט איז שוין ב"ה צענדליגע יארן וואס מ'רעדט נישט קיין אייןווארט, נישט ביים דאווענען, נישט ביים ליינען, און נישט בין גברא לגברא, אזויווי ס'שטייט אין שו"ע און אין די פוסקים. ס'הענגט צעטליך און מודעות אין ביהמ"ד אז דא פירט מען זיך אזוי.

נאר וואס דען, ס'האט זיך געמאכט, ווען ס'איז געווען א שמחה ווי אן אויפרוף, געווענליך ביי אן אויפרוף קומען דאך פרעמדע אורחים, זיי ווייסן נישט פונקטליך וואס מ'וויל, זיי האבן נישט מקפיד געווען אויף דעם און זיי האבן יא גערעדט, און וויפיל מ'האט זיי דערמאנט האבן זיי נישט געכאפט פונקטליך וואס מ'מיינט, איז אונז איינגעפאלן, מ'האט געמאכט א ספעציעלע קלענערע צעטל, און דארט שטייט אז דא אין ביהמ"ד האבן אונז א מנהג און א תקנה אז דא רעדט מען נישט ביים דאווענען, נישט ביים ליינען, און נישט בין גברא לגברא, און אונז בעטן אלע מתפללים און אורחים וואס קומען דא דאווענען זיי זאלן מקיים זיין דעם מנהג, די תקנה און הלכה, און ח"ו נישט רעדן ביים דאווענען.

די צעטליך זענען אזעלכע קלענערע צעטליך אזוי גרויס ווי א סידור, האט מען עס אריינגעלייגט אין אזעלכע ספעציעלע פלאסטיק וואס בלייבט הארט, און מ'קען עס כסדר נוצן, און ווען ס'איז דא א שמחה לייגן מיר עס אויף אלע טישן. אזוי געווענליך פעלט עס נישט אויס, עס איז גענוג דאס צעטל אויפן וואנט וואס הענגט אינדרויסן, אבער ווען ס'קומט א שמחה און ס'קומען פרעמדע מענטשן, לייגן אונז אויף יעדע טיש אזא צעטל, און אויף א לענגערע טיש לייגן אונז צוויי/דריי צעטליך, מ'האט עס שיין קאלירט, און ס'שטייט דארט אז מ'בעט בכל לשון של בקשה אז מ'זאל נישט רעדן.

דאס האט געוואלדיג אויפגעטון ב"ה, אזויווי מ'האט עס אנגעהויבן לייגן ביי יעדע שמחה הערט מען נישט קיין פליג, מ'הערט נישט גארנישט, אלע ווייסן אז מ'דארף זיין שטיל, און מ'בלייבט שטיל ביים דאווענען. דאס איז געווען א גרויסער עצה.

אונז האבן עס אויך געמאכט אין ווייבער-שול, מ'האט געלייגט אזא צעטל [אין ווייבער-שול האבן אונז עס געמאכט אויף אידיש]. ווייל דער אמת איז, דער עולם ווייסט נישט, אין א ווייבער-שול גייט אויך אן די זאכן. דער אמת איז אז רובא דרובא פוסקים האלטן אז די עזרת נשים האט אויך א קדושה, און מ'דארף זיך דארט נוהג זיין אזויווי קדושת בית הכנסת. דאס קען מען זען אינעם ספר 'פסקי תשובות' אויף אורח חיים, דער צווייטער חלק סימן קנ"א אות א', ער מאכט דארט א רשימה פון צענדליגער צענדליגער פוסקים וואס זאגן אז קדושת ביהמ"ד גייט אן אין ווייבער-שול אויך.

בפרט ווען ס'קומט צו אן אויפרוף, וואס אין די עזרת נשים וואונטשט מען זיך מזל טוב, און ס'קומען אראפ אסאך מאל אזעלכע קולות וואס קענען שטערן די מענער-שול, האבן אונז אויך דארט געלייגט אזעלכע צעטליך, דארט איז אויך דא די תקנה אז מ'טאר נישט רעדן ביים דאווענען. און ב"ה בסייעתא דשמיא הודו לה' כי טוב, האט עס דארט אויך זייער אסאך געהאלפן, זייט דעמאלס הערט מען גארנישט, אפשר בשעת'ן אויפרוף אליין וואס דויערט א האלבע מינוט וואס מ'וואונטשט זיך מזל טוב, אבער נאכדעם הערט מען אויף, און מ'הערט נישט קיין איין ווארט ביים דאווענען און ליינען.

דאס איז זייער א גוטער עצה אז ביי שמחות זאל מען נישט רעדן ביים דאווענען.

נאכן דאווענען נעמט מען עס צוזאם און מ'לייגט עס אוועק, און ווען ס'איז דא נאך א שמחה נוצט מען עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל.

איך בין זייער דאנקבאר פאר 'קרן תוס' יו"ט' וואס האבן געמאכט די אלע צעטליך, די אלע קינדער און מענטשן ליינען עס דורך בדחילו ורחימו, און ס'האט זייער אסאך געהאלפן פאר די תקנה.

יישר כח פארן אריינקומען און פארן מזכה זיין, ס'איז ממש א מורא'דיגע זאך. דער אויבערשטער וועט אוודאי העלפן פאר אלע אידן ישועות מיט אלעם וואס מ'דארף. הצלחה און ברכה סייעתא דשמיא.

אשריכם אז עטס זענטס מזכה די וועלט מיט אזעלכע גרויסע זכיות. דער אויבערשטער זאל העלפן עטס זאלטס קענען ווייטער מזכה זיין די וועלט, און ס'זאל זיין אן עולם התיקון, ביז משיח וועט קומען, במהרה בימינו.

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

המשך פון עמוד א'

ביטערע שטאַרקע יסורי הנפש, "ענקזייעטי" בלע"ז, אַז עס האט מיר אנגעהויבן ממש צו ווערן פינסטער פארן אויגן.

די וועלכע האבן שוין געהערט פון ענקזייעטי ווייסן ליידער זייער גוט, אז חוץ פון די ביטערע יסורים וואס עס ברענגט א מענטש, איז עס אויך "מוציאין את האדם מן העולם". מען קען נישט טראכטן געהעריג אדער צולייגן מחשבה צו וואס מ'טוט. עס לייגט אריין דעם מח אין א תפיסה, און לאזט נישט צורוה נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. זאָל קיין שום איד נישט וויסן דערפון.

איך בין געווען שטארק באַזאָרגט אנצוהייבן מיין נייעם פאָסטן אין אזא מצב, אבער כ'האב זיך מחזק געווען אז דאס איז נאר א דורכגאַנג.

### מיט דער לינקער פוס ל"ע

איך האב אנגעהויבן מיין ערשטן טאג אין דער נייער אַרבעט - מיין ערשטע פרנסה-פּאָזיציע פון מיין לעבן - מיט אַ הייסע תפילה, אַז דער רבוש"ע זאָל מיך שטאַרקן, כ'זאָל איבערקומען די פּראָבלעמען, איך זאל געפינען חן אין די אויגן פון מיין אַרבעטס-געבער, און מצליח זיין אין די אַרבעט.

כ'האָב פּרובירט מיט אלע כוחות זיך מצמצם זיין מיין מחשבה, און נישט לאזן מיין פּערזענליכע שוועריגקייט האבן א השפעה אויף מיין אַרבעט. אבער ס'האט זיך ליידער אנגעהויבן מיט דער לינקער פיס.

עס פליסן טרערן פון מיינע אויגן צוריקגייענדיג צו יענע שווערע תקופה, אבער פאַר'ן תועלת הענין וועל איך עס יאָ אַ טראָפּעלע אַרויסברענגען בקיצור, אָבער וויפיל איך וועל זאָגן איז עס געווען אַסאַך אַסאַך מער ווייטאָגליך, און עס האָט מיך, מיין אַרבעט, און מיין שטוב, ממש צוגרינד געלייגט.

### דער אומבאַגרייפליכער צער

אזויווי איך האב מקדים געווען פריער, האב איך נישט געקענט קאָנצענטרירן אין וואס איך טו. אויף ענגליש רופט מען דאָס "פאָוקוסן", וואָס איז דער יסוד נומער איינס אין סיי וועלכע אַרבעט, מ'דאַרף זיך קענען קאָנצענטרירן צו וואָס מ'טוט. איך האָב ליידער נישט געקענט.

איך האב אנגעהויבן די ארבעט און געהאט איין דורכפאַל נאָכ'ן אַנדערן. מיינע אַרבעטס-קאָלעגעס האָבן געזען ווי איך מוטשע זיך אינערליך, האָבן זיי מיך פּרובירט צו העלפן און מחזק זיין, אָבער מיט די צייט האבן זיי אנגעהויבן שפּירן ווי זיי פילן אָן אַ לעכעריגן זאַך. האָבן זיי זיך אָפּגעלאָזט פון מיר, און כ'בין געבליבן איינזאַם, אַליין אין אַ ים הגדול פון פּיין און אייטער.

עס איז נישט מעגליך ארויסצוברענגען מיין צער, ווען פון א גאר געלונגענער לעבעדיגער בחור, אַרויפגעקוקט און אַרומגענומען מיט גוטע חברים, האב איך זיך געטראפן ללעג ולקלס, נידריגער פון דעם נידריגסטן מצב וואס כ'האב זיך נאר געקענט אַמאָל פאָרשטעלן. טרויעריג, צעבראָכן און חרוב. מיינע טרערן האבן געקענט אָנפילן אַ גאַנצע טייך.

דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפן, אַז אין שטוב האָב איך יאָ געקענט מצליח זיין צו שפּילן געהעריג, כאילו לא הי', אז מיין שנה ראשונה ווייב זאל נישט וויסן וואָס פאַר אַ דורכפאַל פון א מאן זי האט ה"י.

איך האב אנגעהויבן גיין פון איין דאקטאר צום צווייטן, כ'האָב פרובירט אלע וויטאַמינען און מעדעצינען. אבער גארנישט האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א רפואה פאר מיין פראבלעם. ס'איז בלויז געווען א שווערע געלט פאַרשווענדעניש - געלט וואָס כ'האָב נישט פאַרמאָגט.

אזוי האט דאָס אָנגעהאַלטן המשך אויף עמוד ט'

המשך פון עמוד ח'

פאר העכער א יאָר צייט, ווען יעדער טאָג איז געווען אַ באַזונדערער גיהנום פאַר זיך.

## ביי די נייע אַרבעט, אָן ערפּאָלג

איך האב פּרובירט יעדע סגולה, אינצווישן זיי אויך די סגולה פון "נישט רעדן ביים דאווענען", אבער נישט זעענדיג תיכף קיין שינויים, בין איך פון צייט צו צייט דורכגעפאַלן. דאָס אַליין האָט מיר געמאַכט שפּירן נאָך ערגער.

נאך א יאר צייט איז דער מצב געווארן א משהו בעסער, האב איך באשלאסן צו אנהייבן פון פריש, עפענען אַ נייעם קאַפּיטל. כ'האב געטראָפן א נייע אַרבעט, און געהאפט אז ס'וועט זיין 'משנה מקום משנה מזל לטובה'.

ביי די נייע אַרבעט איז שוין נישט געווען אזוי שווארץ ווי ביי דער ערשטער, אבער דאך נאך זייער ווייט פון גוט.

נאך עטליכע וואכן האט מיין נייער באַלעבאָס אנגעהויבן ארויסצואווייזן אומצופרידנהייט פון מיין אַרבעט. אפילו ער האט ווייניג געזאגט, האב איך עס געשפּירט. איך בין אבער פּאַרט געבליבן ביי די פּאָזיציע. כ'האב אנגעהויבן שלום מאכן מיט'ן מצב, אז מיינע כשרונות און טאלאנטן זענען היסטאריע, און איך בין ליידער א דורכפאל פון א יונגערמאן, ל"ע.

## ענדליך אַ שינוי לטובה

אינצווישן האט מיר איינער מייעץ געווען, אז כ'זאָל זיך ווענדן צו א געוויסער גרויסער מומחה אין דעם פעלד פון ענקזייעטי. איך בין שוין בעצם געווען מיואש, אבער כ'האב מסכים געווען צו פּרובירן.

דאָ, ביי דעם מומחה, האָב איך ב"ה אָנגעהויבן זען אַ שינוי לטובה.

דער דאָקטאָר האט מיר געזאגט ביים ערשטן באזוך, אז ער האט ארויס דעם פּראבלעם, און ער וועט לכאורה זיין דער ריכטיגער שליח מיר צו קענען העלפן. אבער ער האָט תיכף קלאָרגעשטעלט, אז עס וועט נעמען צייט.

דאס איז געווען סוף זומער תשע"ט.

## פלאַקאַטן, קוויטלעך און אַ קבלה

דעם אנדערן טאג, נאָכ'ן באַזוך ביי דעם דאָקטאָר און די באַנייטע האָפענונג, בין איך אריין אין ביהמ"ד צו דאווענען מנחה, ווען מיינע אויגן האבן זיך אָנגעשטויסן אין די גרויסע פלאַקאַטן איבער די נסיעה צום תוספות יו"ט, און די קוויטלעך וועלכע מ'קען מיטשיקן אויב נעמט מען אויף זיך אַ קבלה פון נישט רעדן ביים דאווענען.

איך בין ליידער געווען אזוי צעקלאַפּט ביי זיך, אז איך האב געקלערט אז דער קוויטל איז נישט געמאכט פאר מיר... דער קוויטל איז געמאכט פאר מענטשן וואס דער מזל שפּילט זיי, נאר זיי האבן א קליינע פּראבלעם דא און דארט. אבער פאר אזא לא יצלח ווי מיר – האב איך געזאגט צו זיך אַליין – וועט די קבלה און קוויטל שוין נישט אויפטון...

יאָ, ס'איז א גרויסער צער צו הערן אַזאַ גערעדעכץ, אָבער אין אזאַ שפל המצב בין איך דעמאָלט געווען, שוין מיט די פרישע האָפענונג אינאיינעם.

אבער דאן איז מיר דורכגעלאפן א מחשבה, אז סוף כל סוף, מיין איינציגסטע האפענונג איז דאך נאר דער כל יכול אליין, און אויב מיין תפילה איז נישט ווי עס ברויך צו זיין, וויאזוי וויל איך דער פועל'ן א ישועה? איך האב שוין אויסגעגעבן ביז היינט אזויפיל געלט רעכטס און לינקס, נישט רעדן ביים דאווענען קאסט דאך נישט געלט, סך הכל אביסל התגברות היצר, איך האב דאָך נישט וואס צו דערלייגן, לאמיר דאס כאטש איינמאל אויספרובירן מיט א פעסטקייט.

כ'האב מיר צאמגענומען די כוחות, און צוגעגאנגען אויספילן א קבלה-קוויטל און זיך פאָרגענומען פונדאָסנייע מיט א בשום אופן נישט צו רעדן קיין ווארט בשעת'ן דאווענען אדער קריאת התורה. כ'האָב צו דעם צוגעלייגט א תפילה, פון די טיפענישן פון מיין צעבראָכן און צעריסן האַרץ, אז כ'זאל שוין זוכה זיין צו זען דעם וועג ארויס פון מיין אייגענע פינסטערע טורמע, וואו כ'זיץ איינגעקלאַמערט אין קייטן.

## די גוטע בייפעלער, אויפ'ן באַרג אַרויף!

אצינד הערט דעם אויספיר.

ס'איז געווען חודש חשון דערויף, ווען כ'האב ב"ה אָנגעהויבן שפירן ווי די ענקזייעטי הייבט אן נאכלאזן, אלעס ווערט רואיגער, די מחשבות הערן אויף דערקוטשענען, און די וועלט ווערט מיר ליכטיגער פון טאג צו טאג.

עטליכע טאג שפעטער איז מיר איינגעפאלן א געוויסער בייפאל וואס וועט קענען מאכן בעסער פאר מיין אַרבעטס-פּלאַץ. מיין באַלעבאָס האט זיך זייער צוגעכאפט דערצו און זיך שטארק באדאנקט. ער האט געטראכט אז מן הסתם שפּיר איך נישט גוט... ווייל איך האב קיינמאל פריער נאכנישט געעפנט מיין מויל מיט א גוטע גדאנק.

עס איז אַריבער אַ וואָך, און איך האב אים אנגערופן מיט נאך א גוטע גדאנק. ס'איז אים אויך געפאָלן. אזוי האָב זיך גענומען טראכטן און קוקן, וואס איך קען טון און פאַרשלאָגן צו פאַרבעסערן אין די ביזנעס צו הייבן די פּראָפיטן.

ווען ס'איז אַריבער אַ שטיק צייט, איז מיין בעה"ב צוגעקומען צו מיר מיט שיינעם טשעק און געזאגט, אז ער דערקענט מיר פשוט נישט; ער האט באקומען א נייעם ארבייטער!!! ער האט געזאגט אז ער ווייסט נישט וואס עס האט גורם דעם טויש, אבער ער בעט זייער אז כ'זאל זען אָנצוהאַלטן, און דאָס וועט לוינען פאַר ביידע...

עטליכע וואכן שפעטער האָט מיר דער רבוש"ע חונן דעת געווען מיט א גאָר שטאַרקן געדאַנק, וואָס האָט ערנסט געהעכערט די סעלים אין דער ביזנעס. אַ "געים טשעינדזשער" ווי מ'רופט עס אויף די ענגלישע שפּראַך. מיין בעה"ב איז געווען ממש אויסער זיך פון צופרידנהייט. ער האט באלד אַרויפגערוקט מיין געהאַלט מיט גאר א שיינעם סכום, און ער האט מיר געבעטן אז כ'זאל ווייטער אנגיין מיט די גוטע אַרבעט, און וויפיל מער כ'וועל טון אַלס מער וועט ער מיך העכערן, און מאַכן זיכער אז כ'בין צופרידן.

כ'האב אנגעהויבן זען א געוואלדיגע סייעתא דשמיא אין פילע הינזיכטן, אין שטוב, מיט חברים, און אין נאך כמה עניינים. כ'האָב אנגעהויבן גיין ב"ה מעלה מעלה, אויפ'ן באַרג אַרויף!

## אויפגעראַכטן, צופרידן און גליקליך!

כ'גיי נישט צופיל מאריך זיין, אבער בערך איין יאָר נאך מיין קבלה, איז מיין בעה"ב צוגעקומען צו מיר און געזאגט די פאָלגנדע ווערטער: "כ'זע אַלעס וואָס דו טוסט, איך וויל דיך יעצט נאָכאַמאָל העכערן, אָבער נישט סתם געבן א העכערונג אין געהאַלט, נאָר כ'וויל געגעבן טושן דיין פּאָזיציע אין דער פירמע!" ער האָט מיר אָנפּאַרטרויעט אַ גאַר הויכן אַמט, מיט אַ הערליך-שיינעם געהאַלט, אין צוגאָב צו פילע זייטיגע בענעפיטן וואָס אַזאַ פּאָזיציע ברענגט מיט זיך.

כ'בין פשוט געבליבן אָן אַ לשון. ס'איז פּאַרווירקליכט געווארן דער "מאשפות ירום אביון". כ'בין ארויף פון די טיפענישן, פון אשפה ממש צו אַ הערליכן אַנזען. כ'בין געוואָרן מסודר בגשמיות וברוחניות, איך פיר היינט אַ צופרידענע שטוב, און אַ סוקסעספולן סדר היום. איך בין אנגענומען און מעורב בין הבריות. כ'פיל זיך גוט און געזונט, פריש און צופרידן ב"ה, כה יעזור ה' להלאה.

און איך שפיר, אַז אָט-די קבלה וואָס דער רבוש"ע האט מיר מזמין געווען, און די ריכטיגע מינוט, כ'זאָל זיך אָנשטויסן אין דעם קוויטל-קאמפּיין ביים יארצייט פונעם הייליגן תוספות יום טוב זי"ע, היא שעמדה לי, דאָס איז מיר בייגעשטאַנען זיך צו קענען דערהייבן, און פון דאָרט איז ב"ה געקומען מיין לעכטיגע ישועה!

*

אַ גערירטער און איבערגענומענער פירט דער איד אויס זיינע ווערטער: "כ'בין אַזויפיל אַריין אין פּערזענליכע פּרטים, טראָץ וואָס דאָס איז קעגן מיין טבע, ווייל כ'שפּיר אַז מיט'ן פאַרציילן די מעשה וועל איך מעורר זיין אַנדערע אידן וועלכע געפינען זיך אין ענליכע שווערע מצבים, אַז זיי זאָלן זיך מתגבר זיין אויף זייערע שוועריגקייטן, מקבל זיין די קבלה הקדושה, זיך אויסרעדן צום רבוש"ע מיט אַן אמת'דיגע הייליגע תפילה, און אין דעם זכות וועלן זיי געהאָלפן ווערן".

*

**הוספת הכותב:** די האַרציגע געשיכטע, וואס איך האב פּערזענליך געהערט מכלי ראשון פונעם בעל הסיפור זעלבסט, עס פאַרציילן דאָ ביי מיר לעבעדיג, האָט ביי מיר א ספעציעלע חשיבות. ויהי רצון אַז די דברים היוצאים מן הלב זאָל טאַקע שאַפן דעם ריכטיגן התעוררות ביי אַנדערע אידן, איבער דעם גרויסן כח פון די הייליגע קבלה, וואָס קומט באַגלייט מיט די אומשאַצבאַרע ברכה אינעם מי שברך פונעם הייליגן תוספות יום טוב זי"ע.

המשך פון עמוד ד'

אויפהייבן טעלעפאנען אינדרויסן פון די ארבעט.

לאמיר זאגן אז דער בעל הבית איז נפשיות'דיג אביסל מורכב'דיג... דער ארבייטער קומט טאקע צו אים מיט א ווייכקייט. ער האט געלערנט אפאר מאל חובות הלבבות פארדעם, און ער האט שוין מתפלל געווען, און מחליט געווען אז דאס דארף ער טון בתורת השתדלות. אבער דער בעל הבית שיסט אים תיכף ומיד צוריק: "אהא, דאס הייסט אז דו ביסט נישט צופרידן! פארוואס זאל איך געבן א העכערונג פאר אן ארבייטער וואס איז נישט צופרידן?!..."

וואס גייסטו ענטפערן? איך ווייס וואס דו טראכסט. 'ער איז א קראנקער מענטש, איך וויל נישט ארבעטן דארט...' אבער נאכדעם וואס דו ענדיגסט טראכטן אזא סארט מחשבה, וואס איז דער אמת'ער ענטפער?

די אמת'ע מחשבה בדרך כלל איז: 'איך בין טאקע נישט צופרידן, אבער וואס זאל איך טון?' דאס איז דער אמת. אודאי' בין איך נישט צופרידן, וואס איז דער ספק? ווען איך קען ווען איך וואלט איך פארברענט דיין גאנצע פאבריק... איך וואלט מייעץ געווען יעדן מענטש ארויסצוגיין פון דא...

עס איז דא א א מורא'דיגער אמת. ווען א מענטש בעט פאר עפעס, אפילו אויב ער קומט אויפן שענסטן און ווייכסטן אופן, אבער דער מציאות איז אז ער איז נישט צופרידן. ווען א מענטש בעט פאר עפעס איז ער געווענליך נישט צופרידן.

אבער לאמיר זאגן אויב דער מענטש איז יא אויף א העכערע מדריגה. ער ארבעט שוין אויף א לאנגע צייט אויף זיך. ער דאנקט דעם באשעפער. ער געדענקט אז עס איז בכלל נישט תלוי אינעם בעל הבית. ער רעדט זיך דורך מיט אפאר מענטשן, און מען זאגט אים אז דאס איז די ריכטיגע זאך צו טון אז ער זאל איינמאל גיין בעטן, אבער עס גייט אים נישט אן וואס דער בעל הבית ענטפערט. אויב ער שרייט טראכט ער - יענער איז פארפלאנטערט, ברוך ה' אז איך נישט... על כל פנים נישט יעצט.

אין אזא פאל קומט ער באמת נישט מיט קיין טענות און אומצופרידנהייט. ער טוט וואס ער האלט אז עס איז דער רצון ה', און ער גייט ווייטער מיט א פרייליכקייט.

## די ריכטיגע מחשבה ביים דאווענען

**הכנה** ושפלות רוח איז טייטש אין דעם ערשטן שטאפל אז ער פארשטייט - ווי דער תפארת שלמה זאגט - אז ס'גייט נישט ארבעטן ווען ער גייט תיכף זיך שטעלן דאווענען. ווייל אויב גיבט זיך א גיס ארויס פון מויל מיין בקשה, דעמאלס בין איך ממילא אומצופרידן... ס'גייט נישט פון זיך אליין, מ'דארף גיין און מאכן א הכנה, מ'דארף משנה זיין דעם רצון. ס'קען זיין אז מ'קען עס טון אין אפאר מינוט, אבער אנדעם איז זיכער נישט שייך.

ער טראכט: **רבונו של עולם, איך דאנק דיר באמת אויפן יעצטיגן מצב, איך ווייס אז עס ברענגט מיר נענטער צו דיר. איך ווייס אז עס איז מיר נישט באקוועם - איך נאַר זיך נישט - אבער קוק וויפיל חסדים דער אויבערשטער טוט מיט מיר, און האט געטון מיט מיר, ער וועט זיכער העלפן, ער העלפט, און דער יעצטיגער מצב איז אויך לטובה.**

אדם נפעל כפי פעולותיו וכפי דיבוריו, האמנתי כי אדבר. ער מוז האבן דעם שינוי אין זיין מח בעפארן צוגיין צום דאווענען, בכדי ער זאל האבן הכנעה ושפלות רוח. און א איד האט דעם כח פון הכנעה, א איד האט אמונה. ער דארף זיך דערמאנען די אמונה, אבער ער האט עס. דאס זאגן אונז די צדיקים, די תלמידי בעל שם, אז ווען דער גוי האט געזען אז דער איד איז מצליח אין תפילה האט ער פארשטאנען אז זיין צוגאנג ווען ער הייבט אן רעדן איז אינגאנצן אנדערש.

## דער גוי דארף די תוצאה, דער איד דארף די דביקות

**תפילה איז א סענסעטיווע זאך, ס'איז זייער איידל.** דער גוי מאכט עס נישט גוט,כ ווייל ער האט א ביטערקייט אין זיינע ווערטער. דער איד האט א הכנעה אין זיין נשמה, ער קען עס מאכן ריכטיג. און וועגן דעם איז ביים גוי **'ויקץ'**, וויבאלד ער שפירט **'כי רב הוא'** - איך האב נישט קיין כח, ווייסטו וואס, איך דאווען נישט, לאמיר אפ...

אזוי'ווי דער מענטש וואס דארף בעטן א טובה ביי יענעם, אבער ווען ער דערמאנט זיך דעם אומגעשמאקן געפיל פון לעצטע מאל ווען ער האט געבעטן א טובה, טראכט ער - ווייסטו וואס, איך וועל עס אליין קויפן... איך וועל צאלן דעם פרייז, איך דארף נישט די טובה. דאס האט בלק געשפירט, און די סיבה איז, ווייל **ער האט נישט געוואלט די 'דביקות', ער האט נאר געוואלט אנקומען צו וואס ער דארף.** אבער אויב אויף אנצוקומען דערצו דארף איך דורכגיין יסורי הנפש און האבן די ריכטיגע געפילן, דאן זאגט ער - ס'איז גוט, איך דארף עס נישט האבן, לאמיר גיין ווייטער...

**אבער אויב דער איד האט א תכלית אנצוקומען צו די דביקות אליין, איז די הארעוואניע וואס ער דארף ארבעטן צו קענען אנקומען צו דעם פלאץ, איז דאך דאס דער תכלית אליין!** ס'איז נישט 'ויקץ כי רב הוא', פונקט פארקערט! ער פארשטייט: אהה! דאס וויל איך דאך! איך וויל דאך ברענגען מיין רצון צו אזא פלאץ. איך האב אמונה, איך בין משתוקק, איך ווייס אז דער אויבערשטער וויל מיך העלפן, איך וויל אנקומען צו יענעם אומנות פון תפילה, און דאן איז אודאי' נישט ויקץ.



## פון געוואוינהייט צו א קבלה

**א** גוט יאר, מע"כ מערכת 'נקדישך' הנכבדה.

איך וויל מיטטיילן א פערזענליכע זאך, און איך בעט איר זאלט עס אפדרוקן אינעם "קול קוראים".

איך האב זיך לעצטנס געוויטיגט אין א ישועה אין געביט פון פרנסה.

שוין לאנג וואס איך רעד נישט ביים דאווענען, אבער ס'איז געווען מער בגדר דבר פשוט, אלס געוואוינהייט אזוי, נישט בתורת קבלה. ביי מיר איז עס געווען נישט מער ווי איינפאך. פונקט ווי אין גאַס רעדט איך נישט צו צוויי מענטשן אויפאמאל... על אחת כמה וכמה, ווען איך רעד צום מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא כביכול, איז דאך נישט שייך איך זאל אין דער זעלבע צייט גיין רעדן, חס וחלילה, צו א בשר ודם!

אָבער למעשה יעצט, אז איך האב געדארפט א ישועה, האב איך זיך אונטערגענומען מיט א 'קבלה', אז פערציג טעג וועל איך נישט רעדן ביים דאווענען, אזוי אויך האָב איך צוגעלייגט אַז איך נישט האבן א סעלפאן בשעת'ן דאווענען.

ווען איך האלט עס ווען נישט מיט, וואלט איך עס נישט געגלייבט. אבער איך זאג אייך פשוט

גענוי 'צום פערציגסטן טאג' בין איך ב"ה געהאלפן געווארן! הפלא ופלא! ממש דאס וואס כ'האב געוואלט!

יישר כח אייך, טייערע מוציאים לאור פונעם הייליגן גליון 'נקדישך', פארן געבן סיי די 'עצה', און סיי דעם 'חיזוק', אז אידישע קינדער זאלן מקבל זיין זיך צו הייבן בקדושת התפילה.

אסאך הצלחה אויף ווייטער, איר זאלט האבן סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט, און מקדש זיין שם שמים בכל העולם כולו, אמן.

ר.ש. בני ברק

## מנהגי אמשטרדם

**אל** מע"כ המערכת הנכבדה של גליון הקדוש "נקדישך".

איך האב געטראפן א ספר 'מנהגי אמשטרדם', ברענגען זיי דאָרט צוויי אינטערעסאנטע מנהגים וואס איז נוגע קדושת ביהמ"ד, און איך בין מעתיק דאס לשון:

סעיף ב. דיבור בבית הכנסת והזכות לדרוש בו:

**א) מברוך שאמר עד אחרי שמונה עשרה אסור לדבר דברים בטלים, לחלק טאַביק או לקבלו מחברו, לקרוא או לחלק כתבים, וכן להסתובב למכור ספרים בבית הכנסת.**

**ב) לפני ברוך שאמר מכריז החזן 'שתיקה יפה בשעת התפילה', וכן המנהג פה ובפרנקפורט.**

דער אינטערעסאנטער חלק איז, אז דער פראבלעם פון 'גליונות' איז זעט אויס

המשך אויף עמוד י"א

המשך פון עמוד י׳

אן אלטער נושא, און מען האט דאס טאקע פארבאטן דארט אויסצוטיילן בשעת התפילה!

זאלט איר וויסן אז דאס וואס איר רעדט אזויפיל פון ׳גליונות׳, איז טאקע אן אלטע זאך, און מ׳האט נאך לאנגע יארן צוריק געמאכט תקנות דערוועגן, וועגן פארטיילן ׳כתבים!׳

חזקו ואמצו אין אייער עבודת הקודש.

ה. ש שיכון סקווירא

*

## איש בשורה אנכי היום

**איך** בין א יונגערמאַן פון מאָנסי, וואס האט שטארק הנאה פון אייערע גליונות, און איך בין אייך דאנקבאר פאר די גרויסע אויפוואכונג אין קדושת התפילה, וואָס ברענגט לעכטיגע ישועות פאר אידישע קינדער!

איך האב געזען אייער גליון פון עטליכע וואכן צוריק, שבת קודש פרשת בהר-בחוקותי.

איך האב געזען אז מ׳האט דארט געהאט דערציילט א מעשה וועגן א איד וואס האט זיך אונטערגענומען צו מכוון זיין ביי חזרת הש״ץ, און ביי אמן אינזין צו האבן, און ער האט דורכדעם געזען א ישועה אין דער ענין פון שידוכים.

איך בין אהיימגעקומען מוצאי שבת, און איך האב געזאגט אין שטוב, אז איך וויל וויסן ווער אין די משפחה און פון די קרובים דארפן האבן שידוכים!

מיר זענען אדורך די נעמען, און געזען אז ס׳איז דא אפאר, און מ׳האט מחליט געווען אויף איין נאמען אז דאס זאל זיין דער ערשטער. אויף דעם גייט מען זיך שטעלן און מאכן די קבלה לזכותו!

און ב״ה, מ׳האט זיך אונטערגענומען בל״נ משתדל צו זיין פאר פערציג טעג אינזין צו האבן ביי חזרת הש״ץ און זאגן די אמן׳ס בכוונה, אז ס׳זאל זיין לזכותו, לזכות זיווג הגון בקרוב.

ברוך ה׳, איש בשורה אנכי היום, מיר האלטן יעצט קוים זיבעצן טעג שפעטער, פונקט אינעם זיבעצנטן טאָג, יום טו״ב, איז ב״ה די קרובה א כלה געווארן בשעה טובה ומוצלחת!!!

דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער, ס׳זאל ווייטער זיין נאר שמחות ביי אידישע קינדערלעך.

ד. י. ז. מאנסי

*

## א לחיים ביי אונז אין שטוב

**איך** וויל איבערגעבן מיין פערזענליכער איבערלעבעניש.

מיין חבר איז געקומען פאר

המשך אויף עמוד י״ב

# "וואס דער רב האט דערציילט פאר 'כל הנערים'

### א מורא'דיגע געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט בבית מדרשו פון המגי"ש המפורסם הרה"ג רבי אברהם שלמה יאווא ז"ל אב"ד לעמבערג ומגדולי תלמידי הרה"ג רבי אביגדור מיללער זצ"ל

נתפרסם לעילוי נשמתו הטהורה, הרב אברהם שלמה אליעזר בן רבי יוסף ז"ל
נפ' שב"ק פ' חקת ט' תמוז תשפ"ה לפ"ק

**געווען** איז דאס איין יאר שמחת תורה, פאר דער עלי׳ פון ׳כל הנערים׳, ווען א יונגערמאן איז צוגעגאנגען צום רב ז״ל, און אים דערציילט א ביטערע בשורה, אז זיין קליינער דריי-יעריגער יונגל, וועלכער וועט אט-אט אויך ארויפקומען צו ׳כל הנערים׳, איז ל״ע קראנק געווארן מיט דער מחלה נוראה. ער האט געבעטן אז דער רב זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל האבן א רפואה שלימה.

דער רב האט זיך נישט לאנג פארזוימט. נאכפאר די קינדער האבן עולה געווען צו ׳כל הנערים׳, האט דער רב געהייסן שטיל מאכן אין שול, און ער האט דערציילט פאר אלע מתפללים די פאלגנדע געשיכטע:

א יונגערמאן וועלכער איז צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל נאך א באזוך אין אמעריקע האט דערציילט, אז ביים אריינגאנג צום בית המדרש פון איינער פון די גרויסע ישיבות אין אמעריקע, האט געהאנגען א צעטל, וואס האט געהאט א שטארקן אפקלאנג אין שטאט.

אין דעם צעטל איז געשטאנען, אז צו מורי ורבי הרה״צ רבי אביגדור מיללער זצ״ל, איז אמאל געקומען איינער פון זיינע תלמידים, און דערציילט מיט בכיות, אז ער איז דורכגעגאנגען מעדיצינישע טעסטן, און האט נאר-וואס ערהאלטן די רעזולטאטן, וואס ווייזן אז ער האט די ביטערע מחלה, רח״ל. פאר ער גייט זיך דורכרעדן מיט דאקטוירים וועגן באהאנדלונגען, וויל ער הערן דעם גאונ׳ס חוות דעת, וואס ער זאל טון, און וויאזוי ער זאל זיך שטארקן אין דעם שווערן מצב.

״איך האב נאר איין איינציגע שאלה דיר צו פרעגן״, האט רבי אביגדור אים געזאגט. דער תלמיד האט אנגעשפיצט זיינע אויערן מיט שפאנונג צו הערן וואס זיין רבי וועט אים זאגן.

״אין דעם בית המדרש וואו דו דאווענסט, רעדט מען ביי קריאת התורה?״

״יא, מ׳רעדט״, האט דער יונגערמאן געענטפערט.

״אויב אזוי״, האט רבי אביגדור געזאגט, ״האב איך נישט קיין רפואה פאר דיין מכה״.

דער תלמיד, אינגאנצן דערשיטערט, האט באלד פארשטאנען וואס ער האט צו טון. ער איז געגאנגען דאווענען אין אן אנדערע בית המדרש, וואו מ׳רעדט נישט ביי קריאת התורה. ער האט געהאט א רפואה שלימה, און איז אויסגעהיילט געווארן.

די דאקטוירים זענען געווען ערשטוינט צו זען אז די קרענק איז פארשוואונדן געווארן, זאגנדיג אז זיי פארשטייען נישט וויאזוי דאס האט פאסירט. אבער רבי אביגדור האט דאס שוין איינמאל פארשטאנען!

די מעשה גייט נאך ווייטער...

אין דעם צעטל איז געשטאנען, אז עס איז געווען נאך א יונגערמאן וועלכער איז leider קראנק געווארן. הערנדיג דעם פסק פונעם גרויסן גאון, האט ער געטון די זעלבע, און איז אויך אוועקגעגאנגען דאווענען אין אן אנדערע בית המדרש וואו מ׳רעדט נישט ביי קריאת התורה, און אויך ער האט געהאט א ישועה.

ווייל דברי תורה, וואס מ׳הערט ווען מ׳ליינט די תורה, זענען א רפואה ברוחניות ובגשמיות. אבער אויב מ׳רעדט בשעת׳ן ליינען, און מ׳הערט נישט די דברי תורה, נעמט מען ליידער אוועק פון זיך די דאזיגע גרויסע זכותים.

און דאס איז אויסער דעם שרעקליכן קטרוג וואס איז דא ח״ו אויפן מענטש וואס רעדט ביים ליינען, וואס ער איז מבזה דערמיט די ספר תורה און די דברי תורה וואס שטייען אין איר, און אזוי אויך דעם אויבערשטנ׳ס כבוד און דאס בית המדרש.

*

תיכף נאכן דערציילן די מעשה, האט דער רב געזאגט, אז היות עס געפינט זיך דא א קליין קינד וואס איז ליידער נישט געזונט, בעט ער אז אלע מתפללים, אן קיין אויסנאם, זאלן יעצט אויפן ארט מקבל זיין אויף זיך אז זיי וועלן נישט רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה, כאטש פאר איין גאנצע יאר, פון ׳בראשית׳ ביז ׳וזאת הברכה׳, און אין דעם זכות זאל השי״ת אראפשיקן א רפואה שלימה צום קליינעם יונגעלע וואס דארף גרויס רחמי שמים.

דער עולם איז געווען שטארק גערירט דאס צו הערן, אין בית המדרש האט געהערשט א גרויס התעוררות, און אלע האבן תיכף ומיד זיך אונטערגענומען, כאיש אחד בלב אחד, מיט א פעסטע החלטה, אז זיי וועלן אכטונג געבן נישט צו רעדן בשעת התפילה און קריאת התורה.

עטליכע טעג שפעטער איז דאס קינד דורכגעגאנגען נאך א סעריע טעסטן, און הפלא ופלא! צום וואונדער פון אלע דאקטוירים, האבן די טעסטן געוויזן אז ס׳איז נישט געבליבן אינעם קינד׳ס קערפער קיין זכר פון דער מחלה. ער איז פולשטענדיג געזונט, ווי עס וואלט קיינמאל גארנישט געהאט פאסירט.

**די דאקטוירים האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם פאל, וויבאלד ס׳האט זיך גערעדט פון א זעלטענעם סארט פון דער מחלה רח״ל,** וואס בדרך כלל ווערט עס נישט אזוי גרינג אויסגעהיילט.

# זֶה לָזֶה

המשך פון עמוד י"א דעם פארלאפענעם פסח אין ישיבה, און דערציילט מיט גרויס התפעלות, אז זיין ברודער איז יענעם טאג געווארן א חתן - און דאס איז געווען דער פערציגסטער טאג פון זיין קבלה בקדושת התפילה.

ס'האט מיר דעמאלס געגעבן אזא קיצל אין מח. איך האב באלד געקלערט צו מיר: 'וואו בין איך?...' לאמיך אויך מקבל זיין די קבלה, ס'זאל זיין לזכות פאר א ישועה ביי אונז אין משפחה! איך האב עס מקבל געווען, און אנגעהאלטן פאר פערציג טעג. ס'איז געקומען תוך די וואָך ווען די פערציג טעג האָבן זיך געענדיגט, איז געווען א לחיים ביי אונז אין שטוב ב"ה!

איך האב דעמאלס צוגעזאָגט, בשעת'ן מאכן די קבלה, אז איך וועל בל"נ מפרסם זיין די מעשה.

אגב, סוף פון די קבלה האב איך זיך אונטערגענומען, אז נאך די ישועה וועל איך זיך מקבל זיין פאר נאך פערציג טעג.

ברוך ה', איך האלט שוין עטליכע טעג אריין אין די נעקסטע קבלה, און דער אויבערשטער זאל העלפן איך זאל עס ווייטער קענען אנהאלטן, און אז אלע אידן זאלן זען נאר ישועות. מורא'דיגן יישר כח פאר דעם הפלא'דיגן חיזוק וואס איך באקום פון ענקער גליון. איך גלייב אז ס'איז נישט נאר איך - נאר טויזנטער אידן שעפן פון דעם חיזוק, יעדן איינציגן טאג!

ש. י. ש - וויליאמסבורג

## זייט א מזכה את הרבים!

במשך די זומער ווערט ספעציעל אראפגעלייגט א גרעסערע קוואנטום פונעם 'נקדישך גליון' אויף די פאלגענדע ערטער, אז איר זאלט דאס קענען אהיים נעמען און פארשפרייטן ביי אייך אין קאנטרי:

ראלי האטעל (סאוט פאלסבורג)
וויזניץ, גיבערס (פאלסבורג)
ניקלשבורג קאנטרי (וואודבורן)
קרית ויואל משה (איחוד)
(מאנטיסעלא)
לפידות קאנטרי (ווייט לעיק)
נועם אלימלך (סוואן לעיק)

בס"ד

## כותלי בית המדרש יוכיחו!

## באשטעלט דעם בייגעלייגטן פלאקאט מיטן נאמען פון 'אייער ביהמ"ד' דערויף!

צו באשטעלן שיקט אריין די פונקטליכע 'טעקסט' פונעם נאמען פון אייער ביהמ"ד ווי אזוי איר ווילט עס זאל ערשיינען.

איר וועט אי"ה צוריק באקומען א פארטיגע פלאקאט, גרייט ארויסצודרוקן און אויפצוהענגען ביי אייך אין ביהמ"ד.

אכטונג! מען קען דאס באשטעלן בלויז דורך אימעיל, (נישט דורכן טעלעפאן אדער פעקס), ווי אויך דארפן די ווערטער זיין 'געטייפט', (נישט קיין בילד, לעטערהעד, לאגא, וכדומה), און א מאקסימום פון צוויי שורות.

איר וועט אי"ה צוריקבאקומען אן אימעיל מיטן פלאקאט




באשטעלט אויף דעם פאלגענדע אימעיל אדרעס: Gilyon@ktyt.org

הבו גודל לאלקינו!

מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org